ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# נפלאות המגיד
## מקאזניץ

אידיש

**654**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

ספר

# נִפְלְאוֹת הַמַגִיד

פון הייליגען גרויסען צדיק

ר"ר **ישראל** המגיד פון **קאזניץ** וצל"ה זי"ע.

אין דיזען ספר ווערט בעשריבען ווינדערליכע זאכען פון הייליגען צדיק רבי ר' ישראל המגיד פון קאזניץ זצ"ל, אזוי ווי מיר האבען ארויס גענומען פון הייליגע ספרים.

בהוצאת בית מסחר הספרים של ר' אברהם יוסף קליימאן
ווארשא נאלעווקי 41.

פיעטרקוב

# ספר

# נפלאות המגיד זצ"ל

דער הייליגער מגיד רבי ישראל זכותו יגן עלינו פון קאזניץ, האט געוויזען אז דער הימעל האט איהם איבערגעגעבען די גאלדענע שליסלען פון תורה און חכמה, מיט זיינע הייליגע ספרים וואס ער האט מחבר געווען. זיין ערשט ספר הייסט עבודת ישראל אויף תורה און פרק אבות אויך חדושים אויף גמרא פסוקים און תשובות. ער ווייזט אז יעדער אות אין די תורה איז א קוואל פול מיט חכמה און א ליכטיגע שטראהל צו זעהען עתידות. די מדות פון פרק אבות זענען וועגען וואס פיהרען דעם מענטש אין די גליקליכע גייסטיגע וועלט אריין. אויך איז די הייליגע גמרא א הימלישע אפטייק פול מיט ערליכע רפואות פאר די חולי הנפש רחמנא ליצלן. זיין הייליג ספר אור ישראל אויף דעם תיקוני זוהר, איז טאקי א ליכט פאר אידען צו ווייזען זיי ווי אזוי מתקן צו זיין די נשמה, זי זאל זיך נישט שעמען צוריק צו קומען נאך דעם גוף'ס טויט צו איהר ערשט ארט און זיך שטעלען פאר דעם כסא הכבוד. זיין דריט ספר אויף דעם הייליגען זוהר רופט זיך נזר ישראל, דאס הייסט א יודישע קרוין. וויל דאס גיט יודען א הערשאפט צו רעגירען אויף דעם יצר הרע און מנצח צו זיין די כחות הטומאה רחמנא ליצלן וואס רינגלען דעם זינדיגען מענטש ארום ווי א שטארקע ארמעע אין א מלחמה, און פערלייגען קרעפטען צו פאנגען איהם אין זייערע געפערליכע נעטצען אריין. זיין פירטעס ספר הייסט נר ישראל, ער ערקלערט אלע סודות און רמזים וואס רבינו האי גאון זצ"ל האט בעהאלטען אין זיינע טיעפע ווערטער. און זיין פינפט ספר רופט זיך תהלות ישראל אויף דעם הייליגען ספר תהלים. אויף יעדען אות האט ער אויפגעבויעט הויכע מורא'דיגע פאלאצען וואס גרייכען צו די הייליגע הימלען. זיין זעקסט ספר גבורות ישראל איז א פירוש אויף דיא הייליגע ספרים פון מהר"ל מפראג זכותו יגן עלינו. צו ווייזען מיט אמת'ע ראיות אז די אמונה שטעהט העכער פאר די פילאזאפיע, און די אויפגעקלערטע וואס פערלאזען דעם גלויבען און ווערען פריי=דענקער, פערלירען דעם צלם אלקים, דער יצר רחמנא ליצלן טהוט זייערע נשמות אן די קייטען פון טומאה און פערפיהרט זיי לבאר שחת רחמנא ליצלן.

אויסער די ספרים האט ער זכותו יגן עלינו מחבר געווען נאך פיעל טייערע ספרים אויף ש"ס און מדרשים, נאר מיר האבען נישט זוכה געווען זיי צו זעהען בדפוס

דער

דער הייליגער קאזניצער מגיד זכותו יגן עלינו. איז געווען א תלמיד מובהק פון דעם גרויסען הייליגען מגיד פון מעזריטש זללה"ה. אויך איז ער געווען א תלמיד מובהק פון די דריי הייליגע אדלערס, דער הייליגער גאון רבי שמואל שמעלקא פון ניקלשפורג, דער הייליגער צדיק רבי לוי יצחק פון בערדיטשעוו, און דער רבי אלימלך פון ליזענסק, זייער זכות זאל מגין זיין אויפ'ן גאנצען כלל ישראל.

דער קאזניצער מגיד זכותו יגן עלינו, האט בענוי פופצינ יאהר געלערנט תורה און חסידות מיט זיינע וועלט בערהיילינטע תלמידים וואס זענען מיט די צייט געווארען די הייליגסטע שטערען אויף די יודישע הימלען. אויך האט ער זיך אפט מפלפל געווען אין לערנען מיט זיין ידיד דער גאון רבי פנחס הלוי הורוויץ זכר צדיק לברכה דער מחבר פון הפלאה. און זיינע תשובות צו איהם ווערען געפרענט אין די ספרים כתר כהונה און גבעת פנחס, און די גאונים זאגען אז אויף יעדע ווארט פון זיינע טיעפע תשובות קאן מען מאכען א גאנץ ספר.

און אויסער דעם הייליגען מגיד'ס גרויסקייט אין נגלה, איז ער אויך געווען איינער פון די גרעסטע אין נסתר. אלע טויערען פון קבלה זענען פאר איהם געווען אפען. און האט געוואוסט די צרופי אותיות און צרופי שמות הקדושים ווי איינער פון די פערצייטישע מקובלים דאדורך איז ער געווען אויף אלע עקען וועלט בעקאנט מיט דעם טיטעל מלאך אלקים.

## דער פלונסקער רב מהרצ"י נ"י שרייבט אונז.

דער הייליגער גאון רבי ישראל דער קאזניצער מגיד זכותו יגן עלינו, איז געווען א זוהן פון רבי שבתי איינבינדער ז"ל. געבוירען איז ער אין דעם שטעדטעל אפטראָווצי. און איז געווען א בן יחיד. זיין פאטער איז שוין געווען א אלטער מאן ווען ער איז געבוירען געווארען. דער הייליגער בעל שם זכותו יגן עלינו האט איהם מבשר בשורה געווען. אז ער וועט האבען א הייליגען זוהן וואס וועט די וועלט בעלייכטען מיט זיין תורה און צדקות. און פון זיין גרויסקייט אין נגלה ווערט ערצעהלט אין ספר כפורים נוראים וואס ער האט געהערט פון גאון רבי חיים וואָראָזנער ז"ל וואס ער האט געזאגט דעם בריסקער רב רבי יעקב מאיר פדהואה ז"ל מיט דעם לשון.

„מיר איז בעקאנט דאס גרויסקייט פון קאזניצער רבין. ווען איך האב אפגערעכט גלות בין איך געווען אין קאזניץ. און א גאנצען טאג האב איך מיך מפלפל געווען אין לערנען און איך האב געזעהען אז ער איז בעניו קלאהר בעל פה אין גאנץ ש"ס מיט תוספות פון

אנהייב

צאָהיט בויזן כח, אויסער זיין וואונדערליך בקיאות אין ש"ס ירושלמי און אלע ערשטע און לעצטע פוסקים ווי איינער פון די גרעסטע גאונים.

## נאך שרייבט מיר דער פלונסקער רב מיט דעם לשון.

„דער חסיד רבי הירש פון שעפס האט מיר ערצעהלט. אז ער האט אליין געהערט פון אפטער צדיק דער מחבר פון אוהב ישראל זכותו יגן עלינו, אז אזוי ווי ער האט דעם קאזניצער מגיד געהערט לערנען פרק אבות, האט ער געזאגט אז ער פאהרט שוין מעהר נישט אהיים, און ס'איז איהם ליעבער צו זיין דארט א תלמיד צו לערנען יראת שמים. נאר דער מגיד האט איהם געצווינגען ער זאל אהיים פאהרען".

אין די הקדמה פון היילינגען ספר לקוטי תורה ווערט ערצעהלט, אז דער היילינגער גאון הרי"א פון זידיטשוב זצ"ל האט זעהר ליעב געהאט צו לערנען דעם מגיד'ס ספרים, דאס ערשטע מאל וואס ער האט געקריגען זיין ספר עבודת ישראל. איז זיין שמחה געווען אהן א שיעור (מ'ערצעהלט אז ער האט געזאגט דעם מענטש וואס האט איהם געבראכט דעם ספר, אז ווען ער וואלט געוויסט אז ער פיהרט צו איהם דעם ספר. וואלט ער איהם אקעגען געגאנגען דורך זיין גרוים ליבשאפט צום מגיד'ס ספרים). אויך ערצעהלט מען אז ער האט דורכגעלערינט דעם ספר אור ישראל אויפ'ן תקוני זוהר ער זאל זיך וויסען צו פיהרען און חסידות אין זיינע הייליגע וועגען. און וואס שטעהט גע־שריבען אין די ספרים פון דעם היילינגען זדיטשובער גאון אין פיעל בלעטער שטעהט אין דעם ספר אור ישראל אין איינעגע שורות, נאר ס'איז שווער צו פערשטעהן דעם מגיד'ס ווערטער ביז מ'לערינט פריהער דעם זדיטשובער'ס ספרים. אזוי שטעהט דארט אין די הקדמה.

## דעם הייליגען מגיד'ס הויכע מדרגות.

דעם היילינגען מגיד'ס זוהן הרב הקדוש רבי משה אליקום בריעה זכותו יגן עלינו שרייבט אין ספר באר משה פרשת יתרו מיט דעם לשון. „מיין היילינגער טאטע האט מיר געזאגט מיט דעם לשון: „גלויב מיר מיין זוהן אז ס'איז נישט געווען איין מחשבה זרה וואס איך האב געהאט פון מיין קינדהייט ביז איצט, וואס זי איז צו מיר נישט געקומען ביי מיין דאווינען, און מיט'ן אייבערשטענס הילף האב איך זיי נישט צוריק ארויפגעבראכט צו זייערע ערשטע קוועלע, און

פון זיי די טומאה אָבגערייניגט. און דעם לימוד האָט ער געהאַט פון הייליגען בעל שם צו מאַכען רויזען פון דערנער און גאָלד פון ערד. אזוי ווי דער הייליגער נביא ישעיה (סי׳ י״ז) איז דאָס מרמז: תחת הנחושת אביא זהב, אויפ׳ן אָרט פון קופער וועל איך ברענגען גאָלד ותחת הברזל אביא כסף. אויפ׳ן אָרט פון אייזען וועל איך ברענגען זילבער כו׳. די ספרים שרייבען אַז ווען דער קאָזניצער מגיד זכותו יגן עלינו האָט געלערינט גמרא מיט זיינע תלמידים, האָט ער דערמאָנט דעם נאָמען פון דעם תנא אָדער אַמורא אפילו דעם נאָמען פון פוסק מיט מורא: דער הייליגער אביי, דער הייליגער רבא, רש״י הקדוש, די הייליגע בעלי תוספות, וכדומה.

ער איז אַזוי קראַנק און מאָגער געווען אַז ער האָט געמוזט ליגען אָפט אין זיין בעטיל. פונדעסטוועגען ביי׳ם דאַוונען האָט ער געברענט ווי אַ פלאַם פייער, און זיין התלהבות איז געווען אומנאַטירליך.

---

## דער פלונסקער רב שרייבט אונז.

דער סעראָצקער רב שרייבט מיר אַז ער האָט געהערט פון הרב וכו׳ מו״ה ישראל ליב מלאָך פון קאָזניץ פאַר זיין פאָטער מוהר״ר מאָטיל פון קאָזניץ, וואָס האָט נאָך געקאָנט דעם קאָזניצער מגיד, אַז ער איז געווען אַזוי אויסגעמאָגערט, אַז די דאָקטוירים האָבען זיך געוואונדערט ווי אַזוי די נשמה דערהאַלט זיך אין איהם. אויף זיינע אויסגעטריקענע ביינער האָט זיך קיין לויט פלייש נישט געפונען, אַז מ׳האָט איהם געמוזט טראָגען אויף די שטוהל, און ווי מ׳האָט איהם צו געטראָגען צו די טיהר פון בית המדרש, האָט ער אַנגעשריי געטהון ווי אַ לייב: ווי הייליג איז דאָס אָרט, אונ האָט זיך אויפ־געשטעלט אויף זיינע פיס און ווי געפלויגען צום עמוד. ער איז נישט געגאַנגען אין שטיוועל נאָר זאָקען, אונ אונטער די זאָקען איז געליגען אַ בערענפעל, ער זאָל קאָנען שטעהן.

נאָך שרייבט דער פלונסקער רב פאַר דעם יוזעפאָווער רב רבי שלום יוסף נ״י אַז ער האָט דאָס געהערט פון הרב הקדוש מהרא״י נשמתו בגנזי מרומים, ווי ער האָט דאָס געזאָגט זיין הייליגען איידעם רבי אבי עזרא זעליג זצ״ל (דעם הייליגען מאָגליצערס זוהן) אין די נאַכט פון הייליגען מגיד׳ס יאָהר־צייט, מיט דעם לשון: „איך האָב געהערט פון מיין טאַטען זכותו יגן עלינו (דער קדוש פון ראַזין) וואָס האָט געזאָגט אויפ׳ן קאָזניצער מגיד, אַז זיין גוף האָט געהאַט דאָס קלאָר־הייט פון טויזענד יודישע נשמות״.

# אין ספר דברים ערבים שטעהט געשריעבען מיט דעם לשון.

די וועלט ווייסט אַז דעם הייליגען קאָזניצער מגיד'ס קערפּער איז געוועזען דאַר ווי אַ אויסגעטריקענט שטיק האָלץ, וויל זיינע עלטערען האָבען איהם געהאַט אויף זייער עלטער. מיט די הבטחה פון הייליגען בעל שם זכותו יגן עלינו. שטענדיג האָט מען זיין קערפּער געהאַלטען איינגעהילט אין אַ האָזענפּעל, בעדעקט מיט בעטציינג. ער זאָל עפּעס האָבען אַ מענטשליך געשטאַלט. שטענדיג איז ער געלעגען שוואַך קראַנק אויפ'ן בעטיל. און וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען פון זיין הייליג מויל איז געוועזען מיט דעם זיעבען ניגון וואָס ער האָט געלערינט און געדאַווענט.

אין דער פריה ווען ער איז געקומען צום דאַווינען, זענען אין ביידע זייטען געשטאַנען צוויי שורות מענטשען, האָבען איהם ביידע שמשים דורכגעפיהרט אָנגעטהון טלית און תפילין, האַלטענדיג אָנגעצינדענע ליכט אין זייערע הענד. מ'האָט איהם דערלאַנגט אַ ספר תורה, און ער האָט מיט דעם ספר געטאַנצט פאַר דעם אָרון הקודש און האָט דעם ספר אַריינגעשטעלט מיט קדושה. נאָכדעם האָט ער געטאַנצט מיט התלהבות פאַר די מנורה וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן עמוד און האָט אַריינגעשטעלט די ליכט. און איז געזעסען און געשטאַנען ביי'ם דאַווינען. אויך ביי די שמונה עשרה איז ער געגאַנגען הין און צוריק ביי זיין הייליגען טיש. נאָך שמונה עשרה איז ער אַראָב אויף די ערד און האָט זיך געלייגט אויף די פעל וואָס איז דאָרט געוועזען פערשפּרייט און האָט אַזוי קוים געענדיגט זיין דאַווינען. נאָכדעם האָט מען איהם אַהיים געפיהרט. ביי'ם דאַווינען איז ער געוועזען ווי אַ גבור. און ביי'ם אַהיימפיהרען איז ער געוועזען ווי אָבגעשטאָרבען. און האָט נישט געהאַט קיין כח די האַנד אויפצוהייבען.

מ'האָט איהם אַמאָל פערבעטען אויף אַ ברית מילה, ווי ער האָט זיך געקוועהלט אַרויפצוגעהן אויפ'ן וועגעלע האָבען די חסידים איהם געוואָלט העלפען, האָט ער זיי געזאָגט מיט דעם לשון: „שוטים, נאַראָנים, וואָס דאַרף איך אייער כח, איך האָב ברוך השם אַ בעסערן כח, ס'שטייט וקוי ה' יחליפו כח. מיר מאַטערן זיך מיט בביכול'ס כח, כביכול האָט גענוג כח". און ער איז אַליין אַרויף אויפ'ן וועגעלע ווי אַ אמת'ער העלד.

## אין דעם פלונסקער רב'ס בריעף צו אונז ווערט ערצעהלט.

"איך האָב געהערט פון אַ תלמיד חכם וואָס האָט אַליין געהערט פון מאָגלניצער רבי'נס מויל ווי ער ערצעהלט דעם חסיד רבי הירשלי ז"ל פון טאָמשוב, אַז ווען ער איז אַלט געווען זעקס זיבען יאָהר איז ער געשלאָפען מיט זיין זיידען דעם קאָזניצער מגיד זכותו יגן עלינו אין איין בעט. ווי ס'איז געקומען האַלבע נאַכט האָט ער בעמערקט ווי דער מגיד הייבט זיך אויף פון בעט. עפּעס איינער איז אַריינגעקומען אין חדר אַריין, און דער מגיד האָט מיט איהם שפּאַציערט הין און צוריק. ער האָט זיך זעהר פערוואונדערט זעהענדיג אַז דער מענטש רעדט נישט מיט'ן מגיד מיט דרך ארץ אַזוי ווי מ'ברויכט ריידען מיט אַזוי אַ מלאך אלקים, און ער האָט ביי זיך גערעכענט אַז דאָס מוז זיין אליהו הנביא. נאָכדעם ווי דער אונבעקאַנטער איז אַוועקגעגאַנגען האָט ער געפרעגט דעם מגיד: "זיידעשי ווער איז דער געווען, אַ ודאי אליהו הנביא". האָט איהם דער מגיד געענטפערט: "ניין מיין קינד. דער איז געווען דער רבי ר' בער. גילוי צדיקים איז גרעסער ווי גילוי אליהו זכור לטוב".

## נאָך ער צעהלט דער אויבענדערמאנטער רב.

"מיין ידיד החסיד המופלג מו"ה יצחק דובער הכהן פון שעברשין האָט מיר ערצעהלט וואָס ער האָט אַליין געהערט פון הייליגען גאון רבי צבי אלימלך ז"ל פון דינוב, אַז ווען ער איז געווען ביי'ם הייליגען צדיק רבי מנחם מענדל פון רימינאָב זכותו יגן עלינו, אַז אַמאָל ביי די דריטע סעודה האָט דער הייליגער רימינאָבער געזאָגט אַז ער האָט געהערט אַ כרוז אין הימעל, אַז ווער ס'איז אין דעם זעלבען דור פון הייליגען מגיד פון קאָזניץ. און זעהט זיין הייליג פנים נישט, וועט נישט זוכה זיין צו זעהען דעם פנים פון משיח. און ווי ער האָט די ווערטער געהערט פון אַזוי אַ הייליג מויל, אַזוי ווי מ'האָט געברענגט די ליכטער צום טיש, האָט ער זיך געזעגנד, גענומען דעם שטעקען מיט די טאָרבע צו געהן נאָך קאָזניץ זעהען דעם הייליגען מגיד, טאָמער קומט משיח און ער האָט נאָך דעם מגיד'ס פנים נישט גע-זעהן, וועט ער דאָך נישט האָבען די זכיה צו זעהען משיח'ן. ער האָט נישט רחמנות געהאַט אויף זיין שוואַכען קערפּער, נישט גערוהט ביי טאָג און ביי נאַכט, און מיט מסירת הנפש געקומען צו פוס נאָך קאָזניץ, ער איז נישט אַריינגעגאַנגען אין קיין אַכסניא, נאָר גלייך מיט'ן שטעקען און מיט די טאָרבע אַריין אין בית-המדרש.

א רגע

אַ רגע איז בײַ איהם געװעזען אַ יאָהר פֿון שרעק טאָמער קומט אָן משיח אײדער ער זעהט דעם מגיד. װי ער איז אַרײַנגעקומען אין בית המדרש פֿערמאַטערט, האָט ער פֿערסאַפּעט נעפֿרעגט װי דער הײליגער מגיד געפֿינט זיך, די חסידים האָבען איהם געװיזען דעם חדר װי דער מגיד איז. ער איז אַהין אַרײַנגעגאַנגען מיט׳ן שטעקען און מיט די טאָרבע, נאָר ער האָט דעם מגיד נישט געקאָנט זעהען, װײַל אַרום בעטיל װאָס ער איז דאַמאָלס אויף איהם געלעגען, זענען געשטאַנען פֿיעל מענשען מענער און פֿרויען זיך מזכיר צו זײַן פֿאַר איהם. די שרעק זײַנע משיח זאָל נישט אָנקומען אײדער ער זעהט דעם מגיד איז געװעזען אומגעהויער, אַז מיט אײן פֿיס האָט ער זיך אָנגעלעהנט אין די װאַנד און מיט די צװײטע האַנד אויף אײנעם פֿון די מענטשען װאָס זענען דאָרט געשטאַנען, און אַזוי האָט ער זיך אויפֿגעהויבען און אַריבער געקוקט אויף דעם הײליגען מגיד ליגענדיג שװאַך אין זײַן בעטיל זאָגענדיג מיט שמחה די הײליגע גמרא׳ס לשון בראיה בעלמא קני (מיט׳ן בלויסען זעהען קויפֿט מען זיך עולם הבא).

דער סעראָצקער רב שרײַבט: איך האָב געהערט פֿון רבי יהודה חסיד פֿון קאָזניץ װאָס ער האָט געהערט פֿון הײליגען מגיד, אַז װען ער איז אַלט געװעזען זיבען יאָהר האָט ער געלערינט אין די ישיבה פֿון דעם גאון רבי יחזקאל דער רב אין אָסטראָהוצי (דער פֿאָטער פֿון מחבר הר הכרמל ז״ל), און פֿאַר זיך אַלײן האָט ער געלערינט בײַ נאַכט אין בית המדרש. אין די נאַכט פֿון חנוכה האָט איהם זײַן פֿאָטער נישט געלאָזט געהן אין בית המדרש אַײַן מורא האָבענדיג ער זאָל דאָרט נישט שפּיעלען אין קװיטלעך, און בײַ זיך אין שטוב איז נישט געװעזען קײן ספר און קײן ליכט. האָט ער זײַן פֿאָטער צוגעזאָגט אַז ער װעט אין בית המדרש נישט לערנען לענגער װי אַ דרײַ־דאָשענדיג ליכט װעט זיך אויסברענען, און װעט גלײַך װי דאָס ליכט װעט זיך אויסברענען אַהײם קומען. דער פֿאָטער האָט געזעהען אַז ער מײנט ערנסט האָט ער איהם דאָס נאָך געגעבען, נאָר די מלאָכים האָבען אַגרויסע הנאה געהאַט פֿון זײַן לערנען, האָט דאָס ליכט געברענט אַ גאַנצע נאַכט. (אַזאָלכעס שטעהט אין די הקדמה פֿון ספר ים של שלמה אויפֿ׳ן הײליגען מהרש״ל). און װי זײַן פֿאָטער האָט געזעהן אַז ס׳איז שוין שפּעט אין די נאַכט און מ׳זעהט איהם נישט צוריק, האָט ער איהם חושד געװעזען אַז די קינדער האָבען איהם אָנגערעדט צו שפּיעלען מיט זײ אין קװיטלעך צוליעב חנוכה אין דער פֿריה איז ער זיך אַהײם געקומען פֿערמאַטערט פֿון לערנען און האָט זיך געלײגט אין בעט אַרײַן. דער פֿאָטער איז צו איהם צוגעלאָפֿען מיט כעס, ער האָט אַריבערגענומען דאָס איבער־בעט איבער זײַן קאָפּ און האָט איהם אַזוי לאַנג געשמיסען ביז דאָס בלוט איז גערינען פֿון זײַן לײַב, און ער האָט זיך נישט געװאָלט פֿאַר

איהם

איהם פערטיידיגען. דער הייליגער מגיד האט געזאגט אז ווען ער זאל דעם פאטער זאגען אז ער האט אין קוויטלעך נישט געשפיעלט וואלט ער איהם זיכער געגלייבט, וויל ער האט געוויסט אז ער האט נאך קיינמאל קיין ליגענד נישט געזאגט, נאר ער האט דאס געהאלטען פאר א עולה אז ער זאל זיך בעפרייען פון פאטער'ס שלאגען דורך דעם כבוד התורה, דאדורך זענען איהם די קלעפ זעהר ליעב געווען.

נאך זיין לערנען אין די ישיבה איז ער אריין אין די ישיבה פון גאון רבי מרדכי צבי הלוי הורוויץ וואס איז געווען רב אין די שטאדט האריחוב, און האט דארט זעהר מצליח געווען אין לערנען. און דאמאלס איז שוין זיין הייליגער פאטער רבי שבתי זכרונו לברכה נפטר געווארען אין די שטאדט אפט ער איז געפאהרען נאך פרשיסחא און האט דארט חתונה געהאט, און דער פרשיסחער גביר ר' ישכר בעריש האט איהם אויפגעהאלטען וויפיעל יאהר, און האט איהם מפרנס געווען בכבוד גדול, זעהענדיג אז דאס וואקסט אויף א מלאך אלקים.

דער גביר ר' ישכר בעריש איז געפאהרען נאך האמבורג אין די ישיבה פון דעם גאון רבי צבי הירש דער מחבר פון תפארת צבי ז״ל, און האט דארט אויסגעקליבען פאר זיין טאכטער א חתן דעם חריף רבי נתן יחזקאל דעם פני יהושע'ס א אור־איניקעל. און ווי דער רבי נתן יחזקאל איז געווארען א יורד, האט איהם דער הייליגער מגיד גענומען צו זיך נאך קאזניץ, און האט ביז זיין טויט געצאהלט פונף טאהלער יעדע וואך

## נאך ווערט ערצעהלט אין דעם פאריגען בריעף.

דער הייליגער קאזניצער מגיד זכותו יגן עלינו איז געווען א מפורסם פאר זעהר א גרויסען עילוי. דער גאון דער מחבר פון כפר מנחת אהרן אויף סנהדרין, האט איהם געפרובט און איהם גענומען פאר א חתן פאר זיין טאכטער. זעהענדיג אז ער איז שוין דאמאלס געווען א קוואל פול מיט תורה. נאר דער אין הימעל האט צו דעם שדוך נישט מסכים געווען, און האט איהם נישט צוגעלאזט.

דער הייליגער מגיד רבי אברהם זכותו יגן עלינו פון פרשיסחא האט דאמאלס אנגעהויבען מקרב צו זיין דעם קאזניצער מגיד, (אזוי ווי עס שטעהט געשריבען אין סוף ספר עבודת ישראל אין דעם בריעף וואס דער קאזניצער מגיד האט צו איהם געשריבען) און דורך דעם איז ער וויפיעל מאהל געפאהרען צום הייליגען גאון רבי שמואל שמעלקא פון ניקלשבורג ווען ער איז נאך געווען אין ריצוועל. אויך איז ער געפאהרען נאך ראווני צום גרויסען מגיד רבי ר' בער זכותו יגן עלינו.

דער הײליגער קאָזניצער מגיד איז דאַמאָלס געװען אין אַ שרעקליך דחקות, און האָט דאָס קײנעם נישט געװאָלט ערצעהלען ער זאָל נישט גהנה זײַן פֿון כבוד התורה (אַזױ װי די הײליגע גמרא ערצעהלט פֿון רבי יונתן בן עמרם). נאָר ער איז געװאָרען אַ מלמד אין אַ דאָרף נעבען קאָזניץ, און האָט זיך קױם מפרנס געװען. און פֿון דאָרט איז ער אַרײַן אין קאָזניץ. אין זײַן צײַט איז אין קאָזניץ געװען רב דער גאון רבי יהושע (אַ אײניקעל פֿון דעם גאון׳ס רבי עזור דער רב אין רוזװעל, אַ זוהן פֿון פֿראַנקפֿורטער רב רבי אברהם אבושל ז"ל). נאָר אַזױ װי די שטאָדט האָט דערשמעקט דאָס גרױסקײט פֿון מגיד און אָנגעהױבען אין איהם צוגלײבען, האָט דער דאָרטיגער רב אָנגעהױבען איהם צו רודפֿ׳ן, װײַל ער איז בײַ איהם קײן מיוחס נישט געװען, נאָר דער הײליגער מגיד האָט איהם געשאָלטען אַז בײַ זײַן דריטער דור װעט זיך זײַן יחוס אױסלאָזען און דעם מגיד׳ס יחוס אָנהײבען. און די קללה איז מקוים געװאָרען. דעם רב׳ס זוהן רבי שלמה און זײַן זוהן רבי יוקל זענען נאָך געװען רבנים אין קאָזניץ, און בײַ דעם דריטען דור האָט זײַן יחוס אַ סוף גענומען.

פסח בײַ׳ם סדר איז דער הײליגער מגיד געזיצען און געזאָגט די הגדה מיט זעהר אַגרױס התלהבות, פּלוצלינג איז צו איהם אַרײַנגעקומען אַ יונגערמאַן און האָט איהם מיט זײַן שטעקען אַ לײַכטען קלאַפּ געגעבען אויפֿ׳ן פלײצע מיט אַ פֿרײַנדליך פּנים זאָגענדיג מעהר נישט װי דאָס אײנציגע װאָרט „מגיד׳ל" און איז נעלם געװאָרען. נאָך פסח איז ער געפֿאָהרען נאָך זעליחאָװ צום קדושת לוי און האָט איהם דאָס ערצעהלט, האָט איהם דער קדושת לוי געזאָגט אַז דאָס איז געװען אליהו הנביא

אין דעם יאָהר תקס"ת זענען די אידען אין פּױלין געװען אין זעהר אַ ביטערן מצב, און די יורען פֿון קאָזניץ זענען בעלאַסטעט געװאָרען צו געבען זעהר אַ גרױסע סומע געלד. דער הײליגער מגיד האָט אויף יעדען אײנװאױנער אַרױפֿגעלײגט אַ צאָהל לױט זײַנע קרעפֿטען. דאָרט האָט זיך געפֿונען אַ געװיסער ליפּמאַן יונה װאָס האָט אין זײַן גאַנץ פֿערמעגען נישט געהאַט מעהר װי פֿונפֿציג טאָהלער, האָט איהם דער מגיד געשטעלט צו געבען פֿונפֿציג טאָהלער. ער האָט איהם ערקלעהרט אַז ער פֿערמוגט נישט מעהר װי פֿונפֿציג טאָהלער. נאָר דער מגיד האָט איהם געענטפֿערט אַז ער איז אַ גביר. דער ליפּמאַן יונה האָט גלײַך אַװעקגעגעבען די פֿונפֿציג טאָהלער מיט אַ גרױסע אמונה אַז דעם הײליגען מגיד׳ס װערטער װעלען מקוים װערען. און אַזױ איז טאַקי געװען, און צוטאָרגענס האָט איהם דער גראַף פֿון שטאָדט געשיקט רופֿען און האָט איהם געשיקט נאָך אונגאַרען קױפֿען װײַן, און האָט אין דעם יאָהר אַלײן פֿערדיענט מעהר װי צעהנ-טױזענד טאָהלער, און האָט געלעבט הונדערט און אַכט יאָהר.

# נפלאות המגיד זצ"ל

אין חארזיל איז געווען א בעל הבית רבי שמואל משה גאטליעב, וואס האט לא עלינו געהאט צער גידול בנים. זיין ווייב פעסל האט גענומען איהר קליינע טאכטער פרומט וואס . . אלט געווען צוויי יאהר, און איז מיט איהר געפאהרען צום מגיד דער מגיד האט זי גענומען אויף זיינע הייליגע האנד זאגענדיג אז זי וועט פון דעם קינד האבען א מנין, דאס הייסט צעהן קינדער, און די ברכה איז אין גאנצען מקוים געווארען. אין די פרומט איז די שווינער פון הײנטיגען סעראצקער רב און איהר מאן, דאס הייסט דעם סעראצקער רב'ס שווער, האט נישט מעהר געהאט פון איהר נדן ווי פופצינ טאהלער, וואס זי האט איהם געהייסן פאר דעם קויפען א סלאוויטער ש"ס, און האט מצליח געווען ביז ער איז געווארען א עשיר.

איינמאל האט דער יוד הקדוש פון פרשיסחא זכותו יגן עלינו גע-האלטען שבת ביי דעם הייליגען קאזניצער מגיד און ביי די סעודה האט איהם דער מגיד געפרעגט מיט דעם לשון: „הייליגער איד וואס איז דאס וואס אין צווייטען טאג יום טוב פיהל איך מעהר קדושה און א גרעסער בעגייסטונג ווי אין ערשטען טאג". האט איהם דער איד הקדוש געענטפערט, אז א מאן צוקריעגט זיך מיט זיין ווייב און נאכדעם בעהט ער זיך מיט איהר איבער, איז די אהבה דאמאלס גרעסער. (דער מיינונג איז, וויל דער צווייטער טאג יום טוב איז א גלות יום טוב, וואס דער גלות הייסט א מין ברוגז פון אייבערשטען כביכול מיט די יודען, און די קדושה פון דעם יום טוב הייסט א מין פיוס). האט ער איהם א קוש געגעבען אויפ'ן שטערן

דער הייליגער רבי פון בעלז זכותו יגן עלינו האט געהייסען דעם חולה ארומטאפען דעם קערפער מיט די הענד, און פיעל זעגען פון דעם געהאלפין געווארען. אויך ער אליין האט געפלעגט ארומטאפען דעם חולה'ס קערפער מיט זיינע הייליגע הענד און ער איז פון דעם געזונד געווארען. און די סגולה, האט ער געזאגט, האט ער בירושה פון קאזניצער מגיד זכותו יגן עלינו. (א רמז אויף די סגולה געפונט מען אין די גמרא ברכות ביי רבי יוחנן וואס מ'ט'ן אנגעמען די האנד איז די קרענק אוועקגעגאנגען).

דער סעראצקער רב האט אין זיין יוגענד געהערט פון דעם אלטען ר' איסר פון פילאווע וואס איז שבת בראשית געווען אין קאזניץ, און האט געזעהן ווי דער מגיד וויינט ביי קריאת התורה ביי מנחה. זאגענדיג מיט א פערביטערט הערץ, איהר האט געהערט לייגען אין די הייליגע תורה קנים תעשה עצי גופר איז די ראשי תיבות תקע"ג וויפיעל דאס היינטיגע יאהר איז, וויל אין הײנטיגען יאהר וועט זיין א פערפלייצונג אין אונזער קאנט. און וואס פאר א ענין מ'האט איהם געברענגט האט ער געענטפערט: מיר האבען די וויסעל

פאר אונז. און פאר פסח זענען פערפליצט געוו[illegible] די שטעדט פילוב, קאזמיר, קאנסקיוואליע, און דורך זיינע תפלו[illegible] פער־פליצונג פיעל פערלייכטערט געווארען.

אין דעם שטערטעל מאקאווע איז געוועזען דעם בערימטער חסיד רבי יצחק איצק, און זיין זוהן הרב הצדיק רבי יעקיל ז"ל וואס האט א גאנץ יאהר אבגערעכט גלות מיט'ן ביאלער רבין ר' בעריש זכותו יגן עלינו, און זיין יונגסטער זוהן רבי מאיר זעליג איז געווען אין דארף קארניווע. איינמאל געהענדיג צו זיך אהיים האט ער פון וויטען דערזעהען דעם אלטען חסיד רבי ליפא פון גומבין, דער תלמיד פון הייליגען וואַרקין רבין רבי יצחק זכותו יגן עלינו, שטעהט נעבען וואגען, ער האט זיך אויף דעם זעהר געוואונדערט, כיז ער איז צו איהם צוגעקומען זעהר טרויעריג וואס ער בלאנדזשעט אין וועג און האט מורא פאר הלול שבת. ער האט איהם ערקלעהרט אז ער איז נאהנט צו זיין שטוב, און האט איהם מאכי געבעטען צו זיך אויף שבת, און ווי זיין ווייב האט געזעהן זיין התלהבות ביי'ם דאווינען און זיין זמירות זינגען, האט זי איהם געבעטען ער זאל בענטשען איהר זוהן אברהם משה, א געבוירענער שטומער, ער זאל קאנען רייידען. ער האט זי אויסגעלאכט זאגענדיג אז ער איז נישט קיין רבי און נישט קיין תלמיד חכם נאר א משמש, ער האט פון וויטען געהערט ווי דער מאן שמועסט מיט זיין ווייב אין די שטיל, ער האט געפרעגט וואס זי פערלאנגט, און ווי מ'האט איהם געזאגט איהר בקשה, האט ער געגעבען די הבדלה דעם שטומען צו האלטען, און האט דעם צוועלפיעהריגען שטומען אנגענומען ביי זיין האנד זאגענדיג צו איהם: ויתן לך וכו' בורא ניב שפתים שלום. דאס שטומע יונגעל האט אנגעהויבען שרעקליך צו שרייען ביז ער איז געפאלען אין חלשות, און ווי מ'האט איהם אבגעמינטערט, האט ער גלייך אנגעהויבען צו רייידען ווי יעדער מענטש. און דאס האט איהם דער הייליגער מגיד געזאגט אז ווען ער וועט אריינקומען אין א שטוב וואס דארט געפינט זיך א שטומער, זאל ער זאגען מיט א הויך קול בורא ניב שפתים, וועט דער שטומער אנהייבען צו רייידען. און דער מגיד האט געזעהן אז ער וועט קומען אין די שטוב אריין.

איינמאל איז צום הייליגען מגיד געקומען א מענטש מיט א בקשה אזוי ווי ער האלט א ארענדע אין א דארף ביי א שררה, און דער שררה איז אויף איהם פלוצלינג בייז געווארען און הייסט איהם ארויס פון דארף. דער הייליגער מגיד האט איהם געהייסען מאכען א פיילען־בויגען ווי די קינדער מאכען ל"ג־בעומר און אויסשיסען מיט א שטיקעל האלץ ביי זיך אין שטוב. ער האט דאס געטהון און אויס־געשאסען ביי'ם מגיד אין שטוב, האט זיך דער מגיד מיט איהם געזעגנט און איהם געהייסען אהיים פאהרען. ווי ער איז אהיים געקומען

אין

אין דארף אריין, האט מען איהם ערצעהלט, אז טאקי אין די רגע וואס ער האט געשאסען מיט'ן פיסטויל, האט זיך דער שררה אליין געשאסען מיט'ן רעוואלווער. און פון דעם איז געקומען זיין ישועה.

# דער גאון הר"ל פון פלאצק שרייבט.

איך האב געהערט פון מיין הייליגען פאטער זכרונו לברכה, אז ער האט געהערט פון דעם הייליגען צדיק הר"א פון קאצק, וואס זיין פאטער הרב הקדוש רבי משה אליקום בריעה דער מחבר פון באר משה האט איהם ערצעהלט, אז ער איז אמאל געפאהרען מיט'ן הייליגען קאזניצער מגיד אונטער די שטאדט אסטראווצע ביי דעם הויכען בארג, האט ער איהם געזאגט מיט דעם לשון: „זאלסט מיין קינד וויסען אז דא האב איך געהאט זעהר גרויסע נסיונות. נעבען דעם בארג האט געוואוינט א קעם מאכער, און דא האט ער געפלעגט ארויסווארפען די אבגעבראכענע ציין פון די קעם, און ווען איך האב דא געהאט אין ווינטער גלגול-שלג (די הייליגע צדיקים פלעגען זיך קאלערען נאקעט אין שנעע מכפר צו זיין די זינד פון זייער פאלק), האבען מיך די אבגעבראכענע ציין אונגעהויער געשטאכען און דער שנעע איז רויט געווארען פון מיין בלוט, אזוי ווי דער הייליגער נביא ישעיהו זאגט, אם יהיו חטאיכם כשנים, ווען אייער זינד וועלען זיין ווי רויטער פאדעם, כשלג ילבינו וועלען זיי ווייס ווערען ווי שנעע".

איידער דער הייליגער מגיד איז נתפרסם געווארען אויף די וועלט, איז ער געוועזען זעהר אגרויסער ארעמאן, און האט געלעבט מיט גרויס דחקות, און האט זיך מתנצל געוועזען פאר דעם הייליגען קדושת לוי אין זעליחוב. און ווען ער האט זיך דארט געזעגענד, איז דער קדושת לוי איהם געגאנגען א ביסעל בעגלייטען, און דאס איז געוועזען אין ווינטער אין זעהר א שטארקע פראסט, דער הייליגער מגיד האט געזעהען ווי ער געהט אין זיין לייכטען חאלאט וואס ער טראגט אין שטוב, און ס'קלאפט איהם איין צאהן אין צווייטען פון קעלט, האט ער אויפ'ן גאס אויסגעטהון זיין פעלץ און איהם אנגעטהון דעם קדושת לוי, און ער איז אזוי געגאנגען אין די פראסט זעהר א שטיק וועג ביז ס'האט געהאלטען ביי סכנת נפשות, דער קדושת לוי האט איהם צוריק אנגעטהון זיין פעלץ זאגענדיג מיט דעם לשון: „ר' ישראל'כין לאז אייך שוין זיין וואריעם". און פון דאמאלס אן האט דער מגיד אנגעהויבען נתפרסם צו ווערען אויף די וועלט

דער הייליגער מגיד זכותו יגן עלינו האט געהאט זעהר אגרויסען חשק צו קויפען דעם ספר עץ חיים פון אר"י הקדוש, און האט

נישט

נישט געהאט קיין געלד, און זיין פרויי איז דאמאלס געווען זעהר גרוים. האט ער זיך פערדינגען פאר א מלמד אויף א גאנצען זמן און פאר דעם געלד האט ער זיך געקויפט דעם ספר און האט אין איהם שטארק עוסק געווען.

דער היילינער צדיק רבי מנחם מענדל פון רימינאב זכותו יגן עלינו האט אמאל שבת געהאלטען ביים הייליגען מגיד. מוצאי שבת ווען ער איז אהיים געגאנגען אויף זיין אכסניא, האט ער שרעקליך געוויינט און פערגאסען ביטערע טרערען וואס ער מוז אוועקפאהרען פון אזוי א צדיק. די חסידים האבען איהם געטרייסט און איהם געוואלט בערוהיגען, נאר ער האט צו זיך קיין טרייסט נישט צוגעלאזט. ביז זיי האבען איהם געזאגט, אז ווען ער האלט טאקי איהם פאר אזוי אגרויסען רבין ברויכט ער דאך גלייבען אז ער ווייסט ביי זיך אין חדר וואס ער טהוט דא, און ער איז גורם ער זאל האבען צער מיט דעם האט ער זיך בערוהיגט און אויפגעהערט צו וויינען.

דער סעראצקער רב ערצעהלט וואס ער האט געהערט פון זיין רבין ר׳ יאקיל פון טשעחוב, אז ס׳איז אמאל געקומען פאר׳ן קאזניצער מגיד א מענטש וואס האט געפאסט משבת לשבת מיט א זאק אויף יין לייב, האט איהם דער הייליגער מגיד געזאגט מיט דעם לשון: „איך צו אזוי א מענש ווי די איז דער יצר הרע געקומען און האט דיך אריין נעגארט אין זאק אריין ס׳איז ליעבער דער וואס זאגט אז ער פאסט פון שבת ביז שבת און ער עסט און געהיים, דאס הייסט ער נארט יענעם נישט זיך, פאר דעם וואס פאסט באמת משבת לשבת, ווייל ער נארט מיט דעם זיך אליין אויך״

אין דעם יאהר תקע״ג יום כפור ביי דעם מוסף האט דער הייליגער צדיק רבי ר׳ מענדעלע רימינאבער זכותו יגן עלינו געזאגט צום חזן רבי ר׳ נפתלי רופטשיצער ער זאל מכוון זיין ביי׳ם מוסף דאזוועגען אז דער קייזער נאפאלעאן זאל מצליח זיין. נאכדעם איז ער געפאהרען נאך לובלין, זעהענדיג פערקערט, אז ער האט נישט מסכים געווען אז ער זאל מצליח זיין, האט דער רבי געזאגט אז דאס איז נישט זיין דרך נאר ער זאל פאהרען נאך קאזניץ. און אויף שבת פרשת יתרו איז ער געפאהרען נאך קאזניץ איז דאמאלס דער הייליגער מגיד געווען אין מקוה, האט ער זיך נעלייגט אויפ׳ן מגיד׳ס בעטיל. און ווי דער מגיד איז צוריק געקומען פון מקוה און האט זיך געוואלט לייגען אויף זיין בעטיל, האט ער זיך נישט געוואלט אויפהייבען ביז ער האט איהם מבטיח געווען צו ערפילען זיין פערלאנג דאמאלס ביי נאכט האט ער געזאגט ביי׳ם מזמור שיר ליום השבת, מען זאגט אז די פראנצויזען זענען פון מאסקווא אריין נאך בערוזינא, און מיר זאגען להשמדם עדי עד (זיי זאלען אויף אייביג פערטיליגט ווערען), ואתה מרום

מרום לעולם ה׳ (און די איבערשטער בלייבט שטענדיג אַ גאָט). יתפרדו כל פועלי און (אַלע אונערליכע מענטשען זאָלען צושייד ווערען). אין די נאַכט האָט די גאַנצע פּאָליטישע וועלט נעציטערט הערענדיג די שרעקליכע בשורה, אַז פּראַנקרייך ... און שווערען האָבען זיך אָבגעשייד פון די פּראַנצויזען. און צו מאָרגענס ביי דעם לייגען אין די גורת נבל תבול, האָט ער געזאָגט נאַפּאָלעאָן תבול דאס הייסט אַז נאַפּאָלעאָן וועט מיעד ווערען

רבי יודל פון זאַקליקוב ערצעהלט אַז ער האָט געהערט פון היילינען ראַדעשיצער רבין רבי בער זכותו יגן עלינו אַז ער האָט געהערט פון היילינען מגיד׳ס מויל, אַז מ׳האָט איהם פון הימעל אָנגעוויזען, אַז ער זאָל נישט עסען פון פּרשיכחא שוחט׳ס שחיטה, און ער האָט אַ גאַנץ יאָהר נישט געגעסען פון זיין שחיטה. ס׳האָט איהם זעהר פערדראָסען פאַר וואָס האָט מען דאָס נאָר איהם מגלה געווען נישט די אַנדערע אָבגעהיטענע אידען פון שטאָדט. האָט מען איהם פון הימעל געגעבען אָנצוזהערען אַז בקרוב וועט מען דאָס מגלה זיין די גאַנצע שטאָדט. פּלוצלינג איז דער זעלבער שוחט געקומען אין בית המדרש אַריין און האָט ערצעהלט אַז מ׳האָט אין שחטהויז געפונען אַ נייע זאַך, אַ בהמה וואָס האָט נישט געהאַט קיין לינג. אַלע לומדים זענען אַהין געלאָפען דאָס זעהען, און זייער געלעכטער איז געווען זעהענדיג אַז איהר לעבער־נעטין (טרפש) איז נאָך נישט געווען אָפּען. אויך האָבען זיי דאָרט געטראָפען דעם זעלבען שוחט ליגען אויף די ערד שכור ווי לוט. און האָבען איהם גלייך מעביר געווען.

דער היילינער רבי ישראל ליב מלאך פון קאָזניץ האָט ערצעהלט פאַר זיין פאָטער רבי מאָטעל קאָזניצער וואָס האָט גוט געקאָנט דעם קאָזניצער מגיד, און ווייסט אַז דער פירשט טשאַרינסקי האָט נישט געהאַט קיין קינדער, האָט איהם דער מגיד געבענשט זאָגענדיג מיט דעם לשון: „רבונו של עולם! ווען דו האָסט אַזוי פיעל גוים האָב נאָך אַגוי״. און דער פירשט איז געהאָלפען געוואָרען. איינמאָל האָט דער פירשט גערוהמט דעם מגיד פאַר זיין ברודער, נאָר ער האָט אויס איהם חוזק געמאַכט, און נישט געוואָלט גלייבען קיין אומנאַטירליכע זאַך אויפ׳ן מגיד. ער האָט נאָך געשפּאַסט, אַז ער וועט פאָהרען נאָך קאָזניץ, און אָבנאַרען דעם מגיד אַז זיין זוהן איז געפעהרליך קראַנק, וואָס אין אמת איז ער ריזענד געזונד, און דער מגיד וועט נישט וויסען דאָס מינדעסטע. און ער האָט אַזוי געטהון און איז אַריינגעגאַנגען צום מגיד מיט אַ געוויין אַז זיין זוהן איז אַ מסוכן און ברויך צו האָבען גרויס רחמים. דער מגיד האָט איהם זעהר קאַלטבלוטיג געענטפערט מיט דעם לשון: „זאָל דער פירשט שנעל אַהיים פאָהרען זיך זעהען מיט׳ן תולה איידער ער ענדיגט זיין לעבען״. ער איז אַרויס פון מגיד׳ס חדר מיט אַגרויס געלעכטער

האלטענדיג

האלטענדיג דעם מגיד פאר א פאלשען נביא. נאר ווי ביטער איז איהם געווארען אויפ'ן הארצען, אז ער האט טאקי אהיימקומענדיג געטראפען זיין זוהן טויט.

יעדען ערב יום כפור פלעגען זיך אלע קאזניצער מענטשען מענער אויך פרויען זיך פערזאמלען פאר דעם מגיד'ס שטוב מיט א שרעקליך געוויין אז ער זאל מתפלל זיין מ'זאל זיי מוחל זיין זייערע זינד און זאלען האבען א כתיבה וחתימה טובה. דער הייליגער מגיד האט פאר זיי אויך געוויינט אז ער איז אויך א זינדיגער מענטש און האט זיך געקאלערט אויף די ערד. און אזוי זענען זיי געגאנגען אין שוהל ארײן צו כל נדרי.

יעדען פריהמארגען פאר'ן דאווענען פלעגט דער הייליגער מגיד זאגען: מי אנכי שאזכה כו' (ווער בין איך אז איך זאל זוכה זיין צו שטעלען זיך פאר'ן איבערשטען). און ער האט דאס געזאגט אזוי שוואך אז ער האט נישט געקאנט מעהר ארויסריידען ווי צוויי ווערטער, נאכדעם האט ער דאס איבערגעזאגט אביסעלע העכער, און דאס דריטע מאל האט ער דאס געזאגט מיט אזוי א הויכע שטימע און א שרעקליך התלהבות אז אלע וואס זענען דארט געשטאנען האבען געציטערט פון שרעק, און האבען זיך געוואונדערט אז אזוי א דאר זעקעל ביינער זאל ארויסגעבען אזוי א לייבען=קול.

דער הייליגער פאריסאווער רבי ר' יעקב צבי ז"ל האט ערצעהלט וואס דער הייליגער מגיד פלעגט זאגען: „דער אין הימעל ווייסט אז איך האב פון קיין זאך קיין הנאה נישט נאר פון א היים דאווענען, דא=דורך גיעט ער מיר דאס, אלס שכר פאר דעם ביסעלע מצות וואס איך האב געטהון, דאדורך האב איך מורא אז ס'בלייבט מיר גארנישט".

אין דעם ספר רמתים צופים שטעהט, אז דער חסיד רבי ליב די מומילום פון לעמבערג איז געווען א תלמיד פון רבי'ן פון לובלין, און א שוועסטער פון זיין ווייב מרת בילא דעם פני יהושע'ס א איינקעל האט זיך נישט געטראפען קיין ריכטיגען שדוך, האט ער זי דער=מאנט אין קוויטעל אז ער זאל מתפלל זיין פאר איהר ס'זאל איהר צוגעשיקט ווערען א גוטער שדוך. דער רבי האט געזאגט אז זי זאל נאךווארטען. און אזוי האט ער פיער מאל געענטפערט אז ס'איז נאך נישט צייט. ער האט איהם שוין בפירוש געזאגט אז זי וויל מעהר נישט ווארטען. דער רבי האט א טיעפען זיפץ געגעבען זאגענדיג אז דאס וועט שוין שנעל געשעהן. דעם רבינס ווייב מרת טילא איז פלוצלינג קראנק געווארען און געשטארבען. האט דער רבי פון לובלין געשיקט זאגען דעם רבי ליב'ן אז זיין מאכטער איז זיין זווג. און האט מיט איהר חתונה געהאט, נאר זי האט נישט געהאט קיין קינדער. דאדורך האט ער זי געשיקט צום מגיד נאך קאזניץ. דער מגיד איז

איהר אַ קיינען געגאַנגען צו די פיהר און האָט איהר געזאָגט אַז ביי איהם איז זי קיין רביצין נישט, זי זאָל עסען און טרינקען און גוט אויסהערען זיין דאַווענען וועט זי מעוברת ווערען. זי האָט אַזוי געמיהן און גוט געהערט זיינע שרעקליכע געשרייען ביי זיין דאַווענען, און ווי זי איז אַהיים געקומען נאָך לובלין איז זי מעוברת געוואָרען און שבת פרשת חקת האָט זי געהאַט אַ זוהן. זי האָט געבעטען דעם מגיד אַז ער זאָל קומען צופאָהרען נאָך לובלין אויף דעם ברית, און האָט איהם דערמאַנט אַז ער האָט נאָך דאַמאָלס אָנגעזאָגט מ'זאָל איהם געדענקען צו בעטען אויפ'ן ברית. דער מגיד האָט נישט געקוקט אויף זיין שוואַכקייט און איז געפאָהרען אויפ'ן ברית דורך די שטאָדט פילאַווע. דער פירשט טשאַרטרינסקי פון פילאַווע איז איהם אַקעגען געפאָהרען און האָט איהם פערבעטען צו זיך אין פאַלעץ אַריין. דער מגיד האָט איהם געענטפערט אַז ווען ער וועט צוריק פאָהרען וועט ער ביי איהם מאַכען אַ וויזיט. קומענדיג נאָך לובלין האָבען איהם די גרעסטע מענשען אַרומגערינגעלט מיט כבוד און אימה, די גאַסען זענען פול געווען און איין שררה'טע איז געקומען צו איהם מיט איהר זוהן וואָס זיינע פוס זענען איהם געוואָרען איינגעשרינפען און האָט נישט געקאָנט געהן. דער מגיד האָט פון איהר פערלאַנגט דאָס וואָרט אַז זי זאָל פון די אידישע אַרענדאַרען נישט נעמען קיין הוספה און זייערע געשעפטען נישט פערדינגען קיין אנדערן און זי האָט איהם אויף דעם איהר וואָרט געגעבען. דאַמאָלס האָט דער מגיד געגעבען איהר קראַנקען זוהן זיין לולקע און האָט איהם געהייסען געהן זי פעררייכערן צום אויווען, און ווי ערשטוינט איז זי געוואָרען זעהענדיג ווי איהר קראַנקער זוהן וואָס די גרעסטע דאָקטוירים האָבען איהם שוין מיאש געווען, הייבט זיך פלוצלינג אויף און געהט צום אויווען פעליג געזונד. און ווי ער איז צוריק געפאָהרען האָט ער אין פילאַווע אָנגעטרעטען ביי דעם פירשט טשאַרטרינסקי, און זיין כבוד איז דאָרט געווען אָהן אַ שעור. די גאַנצע פירשטליכע פאַמיליע מיט די הויכגעשטעלטע האָבען איהם בעטראַכט ווי מען בעטראַכט אַ מלאך אלקים. ער האָט זיך נישט געלאָזט מכבד זיין מיט קיין זאַך, נאָר געבעטען זיך צובעגעהן גוט מיט זיינע אידישע ברודער און דער פירשט האָט איהם דאָס פעסט פערשפראָכען

דעם הייליגען וואָרקער רבין רבי מענדעלעס איידעם רבי נחמיה זכותם יגן עלינו האָט ערצעהלט, אַז זיין פאָטער דער גביר רבי שלמה פון קונסקיוואָליע דער שותף פון דעם וועלטבערומטען אַדיר רבי יוזפא פון קאָזמיר, האָט שטענדיג געהאַנדעלט מיט די וועלדער פון פירשט טשאַרטרינסקי, די פורמאַנעס פלעגען פיהרען פעסלעך מיט נאָלדענע רענדלעך פון פאַריז נאָך פילאַווע צו דעם פירשט. איינמאָל האָט איהם געפעהלט צוויי פעסלעך מיט רענדלעך. דער פירשט האָט

נעזאָגט

געזאָגט צו דעם ר' שלמה'ן, אַז ער זאָל מיט איהם פאָהרען נאָך קאָזניץ צום היילינען מגיד אַז ער זאָל זעהן אַז ער זאָל צוריק האָבען דעם שאָדען, און רבי שלמה האָט איהם דאָס געמוזט צוליעב טהוען. זיי זענען ביידע געפאָהרען נאָך קאָזניץ און זענען אריינגעקומען צום מגיד, זיי האָבען איהם נעטראָפען ליגען זעהר שוואַך אויף זיין בעטיל זאָגענדיג תהלים פון אויסווענינ. דער פירשט האָט איהם ערצעהלט פון דעם גרויסען שאָדען, און דער מגיד האָט איהם געענטפערט מיט תמימות: „איך ליג דאָך שוואַך אויפ'ן בעטיל און האָב עס נישט געקאָנט גנב'ענען". דער פירשט האָט איהם געענטפערט: „דאָס ווייס איך אַז דער היילינער רבי האָט עס נישט געגנב'ט, איך בין אַהער געקומען אַז דער היילינער רבי זאָל מתפלל זיין אַז איך זאָל דעם גרויסען שאָדען צוריק קריגען". דער מגיד האָט פערלאַנגט פון פירשט אַז ער זאָל איהם צו זאָגען אַז ער וועט איהם נישט פייניגען פון וואַגען ער ווייסט דאָס. און דער פירשט האָט איהם דאָס צוגעזאָגט. דער מגיד האָט איהם געהייסען אַהיים פאָהרען, צוזאָגענדיג איהם אַז ער וועט זיין שאָדען צוריק האָבען. און ער איז אַהיים געפאָהרען. דער מגיד האָט מיט זיין תפלה אַזוי געמאַכט אַז צווישען די גנבים און דעם בעל עגלה איז פאָרגעפאַלען אַ מחלוקת וועגען די חלוקה, און זיי זענען געקומען צו פאָהרען צום מגיד האָבען אַ דין תורה, און ער האָט זיי אַזוי פיינערדיג געמוסר'ט ביז זיי האָבען אָבגעשיקט דעם פירשט דאָס גאַנצע געלד, און דער קדוש השם איז געוועזען אונגעהויער.

דער קאָזניצער מגיד זכותו יגן עלינו האָט זיך שטאַרק משתדל געוועזען צו קריגען פאַר אַ איידעם דעם צדיק רבי אבי עזרא זעליג וואָס איז געוועזען רב אין גרעניצע און נאָכדעם אין מאָגלניצע, ווייל זיין היילינער פאָטער רבי משה יצחק שפירא ז"ל איז געוועזען אַ מיוחס פון ב"ח און פון ש"ך. איידער דער מגיד האָט מסדר קדושין געוועזען האָט ער פריהער פערטיעפט זיינע געדאַנקען אין הויכע ענינים מאַכענדיג ביי דעם שרעקליכע תנועות, נאָכדעם האָט ער אַ געשריי געטהון אַז ער זעהט אַז דער היילינער ש"ך איז נישט מסכים צו דעם שדוך, און פון דעם זווג קאָן גאָרנישט ווערען. און די גרויסע מקובלים וואָס זענען דאָרט געוועזען האָבען בעמערקט ווי דער מגיד האָט דאָרט אראָבגעצויגען די נשמה פון היילינען ש"ך און געהערט זיין מיינונג.

דער חאָרזילער רב רבי דוד ערצעהלט, אַז דער היילינער מגיד זכותו יגן עלינו פלעגט אָפטמאָל זינגען פוילישע ווערטלעך. ער האָט פורים געזינגען: „יאַקי פורים מאַקי ליל שמורים", און האָט דאָס נעגעבען דעם עולם צו ערקלערען מיט פיעל תורה און חכמה. נאָך די שמחה אין פורים האָט ער מבטל געוועזען אַלע זיינע מענשליכע געפיהלען זאָגענדיג: „האַלאַ דושאַ בעז קאָשאַלאַ". דאָס העמד איז

דער גוף. „קטאָ ראַנאָ ווסמאַיע טעמו פּאַנבוג פּאָחוואַלאָ דאַיע". און נאָך אַזאַלכע ווערטליך מיט זעהר וואונדערליכע נגונים.

דער הייליגער ראַדזימינער רבי ר' יעקב ארי' זכותו יגן עלינו האָט ערצעהלט, אַז דער הייליגער מגיד האָט אַמאָל געגעבען פון אַ זילבערן שיסעלע, ער האָט בעמערקט אַז דער עולם בעטראַכט איהם פאַר אַ עשיר, האָט ער צו זיי געזאָגט: „וויפיעל צער איך האָב געליטען פון די עקרה וואָס האָט מיך נישט אָבגעלאָזט אַז איך זאָל פועל'ן אין הימעל זי זאָל האָבען אַ קינד, און דורך די אותיות קער"ה (שיסעל), איז זי געוואָרען אוים עקר"ה". און ער האָט אויף דעם געגעבען פיעל רמזים אין די הייליגע תורה.

דער הייליגער מגיד האָט זיך אַמאָל בערוהמט, אַז מ'האָט איהם מגלה געווען דעם שם וואָס קען מאַכען אַ תל פון אַלע אידישע שונאים, און דער שם ליגט אין פסוק „דום לה' והתחולל לו". נאָר דעם אייבערשטענס סבלנות שטעהט איהם אין וועג.

די אהבה וואָס איז געווען צווישען קאָזניצער מגיד און צווישען רבין פון לובלין און רבי מענדעלע פון פרויסטיק, זכותם יגן עלינו, קען קיין מענטש נישט בעשרייבען. זיי האָבען זיך אַלע דריי אָב-געשמועסט אַז שמיני עצרת פון יאָהר תקע"ה זאָלען זיי מעה-סט בעטען אויף די גאולה, ווייל זיי האָבען געזעהען אַז אין דעם יאָהר וועלען דריי גרויסע שטערען אונטערגעהן. און די דריי גרויסע שטערען זענען זיי אַליין געווען. די הייליגע דריי צדיקים זענען אין דעם זעלבען יאָהר נסתלק געוואָרען. דער הייליגער מגיד איז נסתלק געוואָרען ערב סוכות. דער רבי פון לובלין אין תשעה באב, און רבי מענדעלע נאָכ'ן נעצעהן טאָג אין אייר.

דער וולאָדאַווער רב הגאון רבי משה רוטענבורג דער מחבר פון מהר"ם רוטענבורג האחרונים, איז געווען פון די מתנגדים אויפ'ן בעל-שם'ס תלמידים. ער האָט געהאַט אַ תלמיד געבענטשט מיט הריפות און בקיאות אין ש"ס און פוסקים, וואָס איז פלוצלינג קראַנק געוואָרען און די דאָקטוירעם האָבען איהם מיאש געווען. פלוצלינג האָט פון איהם די קרענק אָבגעטרעטען און איז פעליג געזונד געוואָרען. ער האָט ערצעהלט אַז לייגענדיג אַזוי בעגוי מי"ש, האָט מען איהם אַרויפ-געטראָגען אויף זעהר אַ הויכען באַרג, און מען ברענגט איהם פאַר אַ גרויסען בית-דין מ'זאָל איהם ריכטען. פלוצלינג האָט ער געזעהן ווי מען טאָגט אַ שטערען פאַראַד, פיעל מלאכים מאַכען אַ וועג און שרייען: „גיעט כבוד דעם קאָזניצער מגיד און דעם הייליגען רבין פון לובלין!" און זיי האָבען איהם געהייסען צוריק אַהער געהן אויף די וועלט. און פון דאַמאָלס אָן איז דער גאון רבי משה געוואָרען פון זייערע אַנהענגער, און האָט זיי שטענדיג פערגעטערט.

דעם הייליגען מגיד'ס אַ אייניקעל האָט ערצעהלט דעם רבין פון

טשאַרטקוב

טשאָרטקוב זכותו יגן עלינו, אַז דער מגיד האָט געהאַט דבקות הבורא צעהן שעה אין טאָג אָהן דעם מינדעסטען הפסק.

ווען דער הייליגער מגיד האָט נאָך געלערינט אין די ישיבה וואָס איז געווען אין די שטאָדט ריצוועל, איז דאָרט אַרײַנגעקומען אַ מוכר ספרים און האָט געברענגט צו פֿערקויפֿען דעם מגן אברהם וואָס איז דאַמאָלס איבערגעדריקט געוואָרען. דאַמאָלס איז דעם מגיד הקדוש אײַנגעפֿאַלען צו מאַכען זיך אַ שעור מיוחד צו לערנען מגן אברהם, און ער האָט געבעטען איינעם פֿון זײַנע חברים, אַז ער זאָל מיט איהם לערנען יעדען פֿריהמאָרגען אַ שעור מגן אברהם. נאָך דעם ערשטען שעור האָבען זיי ביידע בעקומען אַזוי אַ הייליג התלהבות צום איבערשטען, אַז זיי האָבען געשראָקען דער גוף זאָל בײַ זיי נישט פֿערלירען זײַנע גשמ'דיגע געפֿיהלען. זיי האָבען בעשלאָסען צו פֿרעגען זייער רבין ר"ש וואָס זיי האָבען צו טהוען. און ווי דער הייליגער מגיד איז צו איהם אַרײַנגעגאַנגען מיט די שאלה, האָט ער איהם גלײַך געזאָגט: „יאָ ישראל'כל. מען דערקאָנט אין דײַן פנים אַז די האָסט געלערינט דעם מגן אברהם. די זאָלסט וויסען אַז דאָס לערנען דעם הייליגען מגן אברהם ברענגט אין הערץ אַרײַן זעהר אַ הייליג פֿײַער".

רבי מאיר שעפּס פֿון קאָזניץ איינער פֿון הייליגען מגיד'ס גרויסע תלמידים האָט ערצעהלט, אַז אַזוי ווי דעם מגיד'ס נאָהמען מיט זײַנע וואונדער האָבען אָנגע, ויבען נתפרסם צו ווערען אויף אַלע עקען וועלט, האָט דער הייליגער מגיד מורא געהאַט אויב דאָס איז חס ושלום נישט פֿון די סטרא אחרא רחמנא ליצלן, און דאָס איז געווען בקבלה צו די תלמידים פֿון הייליגען רבין דער מחבר פֿון נועם אלימלך, אַז ווען זייער וועג איז באמת געווען גלײַך און הייליג, איז זייער רבי זיי אַ קעגען געגאַנגען שלום נעמען, דאַדורך איז דער מגיד דאַמאָלס געגאַנגען צו זײַן רבין דער נועם אלימלך און האָט איהם געטראָפֿען שלאָפֿען. דער מגיד איז צוריק אַהיים געגאַנגען אויף זײַן אכסניא זעהר פֿערביטערט און האָט דאָרט אָהן אַ שעור געוויינט. דער נועם אלימלך האָט זיך בײַ זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף, און האָט געזאָגט צו זײַן משמש, דער מלאך מט"ט האָט מיך איצט אויפֿגעוועקט אַז איך זאָל געהן צום מגיד אויף זײַן אכסניא צו טרייסטען איהם. ער האָט איהם געפֿרעגט וויפֿיעל מײַל ס'איז פֿון קאָזניץ נאָך ווארשא, האָט ער איהם געזאָגט צוועלף. האָט זיך דער נועם אלימלך געוואונדערט: „צוועלף מײַל פֿון ווארשא זאָל זיך געפֿונען אַזוי אַ חסיד". דאַמאָלס האָט ער געוויסט אַז זײַנע וועגען זענען נישט פֿון די סטרא אחרא רחמנא ליצלן נאָר פֿון די סטרא דקדושה

דער הייליגער גאון דער מחבר פֿון נועם מגדים איז געווען

פון

פון די מתנגדים אויף דעם בעל־שם'ס תלמידים. איינמאל איז ער קראנק געווארען און געלעגען אין הינערפלעט. אין דריטען טאג שבת ביי נאכט האט ער געזעהען ווי דער מגיד שטעהט אין זיינע פאנטאפעל און דאווענט אויף דעם עולם העליון מיט זעהר גרויס התלהבות, ער זינגט לכה דודי און די מלאכים העלפען איהם צו. נאכדעם האט ער געזאגט תורה. ווי ער איז געזונד געווארען איז ער געפאהרען נאך קאזניץ און האט דעם מגיד דאס ערצעהלט. האט איהם דער מגיד געפרעגט פון וואנען ער ווייסט אז דאס איז ער געווען. האט ער איהם געענטפערט אז ער קען איהם זאגען די תורה וואס ער האט דאמאלס פון איהם געהערט, און האט איהם די תורה געזאגט, האט דער מגיד פערשטאנען אז דאס איז טאקי ער געווען. און פון דאמאלס אן איז ער געווארען זיין תלמיד, און איז נפטר געווארען אין קאזניץ.

ווען ס'איז געווען די פראנצעזישע און פריסישע קריעג אין פוילען, איז א גרויסער גענעראל געקומען נאך קאזניץ און האט געשיקט רופען צו זיך דעם הייליגען מגיד. דער מגיד האט געענטפערט דעם שליח אז דער געגעראל ברויכט קומען צו איהם, ווייל דער גענעראל איז א פערברעכער און האט זיך פערקויפט פאר געלד, ווייל ער האט געשריבען איין בריעף צום פריסישען מיניסטער און דעם צווייטען בריעף צום פראנצויזישען געגעראל, און די בריעף זענען איבערגעטוישט געווארען און איינער האט דערהאלטען דעם צווייטענס בריעף. ווי דער שליח האט דעם גענעראל איבערגעגעבען דעם מגיד'ס ווערטער, האט ער אנגעהויבען ציטערן הערענדיג אז מ'ווייסט שוין זיין זינד, האט ער מיט זיין רעוואלווער זיך ארייגעשאסען אין הערץ און איז געפאלען טויט.

אין די פראנצעזישע־רוסישע קריעג, איז דער מארשאל יאזעף פאניאטאווסקי געווען אין קאזניץ, איז דער מגיד מיט פיעל אידען איהם געגאנגען מקבל פנים זיין. פאניאטאווסקי האט איהם געפרעגט אויב ער וועט אין די מלחמה מצליח זיין. האט איהם דער מגיד געענטפערט ניין, און א בעוויז האט ער איהם אויף דעם געגעבען, אז דאס פערד וואס עס שטעהט געגען איהם איז מעוברת און דאס פערד וואס זי וועט געבוירען, וועט האבען א ווייסען פוס מיט שווארצע פלעקלעך, און אזוי איז ווירקליך געווען.

א אידישע פרוי האט זיך נישט געקאנט ברענגען אין ארדנונג, זי איז געווען ביי די גרעסטע דאקטוירעם און זייערע רפואות האבען איהר נישט געהאלפען. זי איז געפאהרען צום רבין פון לובלין האט ער זי געהייסען פאהרען צום קאזניצער מגיד, און ווען זי וועט צוריק פאהרען זאל זי ביי איהם זיין מיט א ענטפער. זי האט אזוי געטהון. און צוריקקומענדיג צום רבין פון לובלין האט זי איהם ערצעהלט אז

דער

דער הייליגער קאָזניצער מגיד האָט איהר אַליין געשריבען אַ קמיע. דער רבי פון לובלין האָט אויפגעעפענט די קמיע און האָט געזעהען אויפ= געשריבען דעם פסוק „וטהרה ממקור דמיה", נאָר די ערשטע מ"ם פון וואָרט „ממקור" איז געוועזען אָבגעמעקט.

אין ספר דברים ערבים שטעהט געשריבען, אַז דער גאון ישועות יעקב איז אָנגעפרעגט געוואָרען וועגען אַ ענין מתיר צו זיין אַ עגונה, האָט ער נוטה געווען איהר מתיר צו זיין מיט דעם בעדינג אַז דער קאָזניצער מגיד זאָל אויך געבען אַ היתר. מ'האָט גלייך אַוועקגעשריבען צום מגיד און האָט אַרויסגעגעבען אַ איסור. דער ישועות יעקב האָט זיך אָנגעהויבען מיט איהם מפלפל צו זיין און ווייזען אַז מ'ברויכט זי מתיר צו זיין. נאָר דער מגיד הקדוש האָט בעהאַלטען דעם בריעף און האָט אויף איהם גאָרנישט געענטפערט. דער ישועות יעקב האָט צו איהם געשריבען נאָך אַ בריעף פאַר וואָס ער בעקומט נישט קיין ענטפער. האָט איהם דער מגיד געענטפערט אַז דער מקור וואָס אויף איהם האָט דער ישועות יעקב געבויעט זיין פלפול ווערט גאָר אַנדערש געלערינט נישט מתיר צו זיין, און אַ בעווייז איז אַז אַזוי ווי ער וועט דעם בריעף ערהאַלטען וועט די עגונה'ס מאַן אָנקומען, און אַזוי איז טאַקי געווען אַז אין די צייט איז דער מאַן געקומען, און אַלע האָבען זיך איבערצייגט אַז דער מגיד איז אַ בעל רוח הקודש.

איינמאָל האָט אַ עגונה געפייניגט דעם הייליגען מגיד ער זאָל איהר געבען אַ היתר. ער האָט זי געפרעגט אויב זי וועט דערקאָנען איהר מאַן, האָט זי געענטפערט יאָ. ער האָט געהייסען אַריינברענגען אַ בעקען מיט וואַסער און האָט זי געהייסען אַריינקוקען. ער האָט זי געפרעגט וואָס זי זעהט אין דעם וואַסער. האָט זי געענטפערט אַז זי זעהט אַגרויסע שטאָדט פיעל מיט מאַרקען מיט מענטשען, מענער און פרויען און קינדער. בעלי מלאכות זענען עוסק אין זייערע מלאכות. ער האָט איהר געזאָגט אַז זי זאָל פעסט האַלטען איהרע געדאַנקען און דאָרט דערקענען איהר מאַן, און אַזוי ווי זי וועט איהם דערקענען און איהם זעהען עוסק זיין אין זיין מלאכה, זאָל זי אַריינשטעקען איהר האַנד אין וואַסער און עפּעס אַרויסחאַפּען פון זיין האַנד. זי האָט איהם אין וואַסער דערקאָנט, און האָט פון זיין האַנד אַרויס= געחאַפּט דעם בינגעלאייזען מיט'ן אַרבעל וואָס ער האָט געוואָלט אָנ= נעהען. נאָכדעם האָט דער מגיד איהר געזאָגט, אַז זי זאָל געהן אין יענע שטאָדט אַריין דורך יענע וועגען, און זאָגען יענעם רב אַז איהר מאַן וואוינט דאָרט מיט אַ אַנדערע פרוי, און ער זאָל איהם נייטען זי צו נטין, און ווען ער וועט דאָס מכחיש זיין האָט ער איהר געגעבען ראיות אויף דעם. און דאָס איז געוועזען דריי הונדערט מייל פון קאָזניץ די פרוי איז דאָרט אַהין געקומען און האָט דעם רב אַלעס ערצעהלט דער רב האָט איהם גערופען, און אַלץ איז ענטדעקט געוואָרען פונקט

זי

ווי דער הייליגער מגיד האט פון ווייטען געזעהן מיט זיין רוח הקודש.

דער הייליגער קאזניצער מגיד איז געווען אין די בחינה פון יעקב אבינו'ס לייטער וואס איז געשטאנען אויף די ערד און דער שפיץ האט געגרייכט אין הימעל אריין. אויך אין די צייט וואס ער האט געהאט א אמת דבקות צום אייבערשטען, האט ער זיך געוויסט צו פיהרען מיט מענשען ווי א געוועהנליכער מענטש, און דאס האט ער געלערינט פון זיין הייליגען רבין דער קדושת לוי זכותו יגן עלינו.
אזוי ווי זיין הייליגער זוהן שרייבט אין זיין ספר באר משה פרשת ויקרא מיט דעם לשון: „אפילו דאס פראסטע רייד׳ען מיט א געוועהנליכען מענטש וואס ס'דאכט זיך אז זיי זענען דברים בטלים, ברענגט זיי דער צדיק אויך ארויף צום שורש העליון צו דעם אמת'ען אחדות הבורא יתברך, אזוי ווי מיין הייליגער פאטער האט מיר ערצעהלט פון הייליגען צדיק רבי לוי יצחק פון בערדיטשוב זכותו יגן עלינו, וואס ווען ער איז געגאנגען אין טלית און תפילין, האט ער מיט מענשען גערעדט פון פערשידענע וועלט זאכען, און פראסטע אונטע-רעסען, וואס דער געוועהנליכער מענטש שעמט זיך מיט זיי. נאר געוויס אז נישט יעדער קאן זיך דאס ערלויבען צו פיהרען זיך ווי דער אמת'ער צדיק וואס בעזיצט א הייליגען מוח, און אלע מעשים וואס ער טהוט זענען צוגעבונדען צו דעם קוואל פון קדושה און ער געפונט זיך נישט איין רגע אהן דבקות הבורא יתברך, און די נשמיות זאכען ווערען דורך איהם ארויפגעברענגט צום שורש העליון"

דער הייליגער בעל שם זכותו יגן עלינו איז שבת ביי נאכט געזיצען ביי דעם טיש מיט זיינע הייליגע חסידים. און ווי דער בעל שם האט געענדיגט זיין קידוש האט ער אנגעהויבען שטארק צו לאכען, אלע האבען מורא געהאט צו פרעגען וואס דאס לאכען איז. און ווי דער בעל שם האט זיך געוואשען און זיך געזעצט צום טיש, האט ער ווידער אנגעהויבען צו לאכען, אויך נאך די פיש האט ער דאס דריטע מאל געלאכט, אלע האבען זיך אויף דעם זעהר פערוואונדערט וויל זיי האבען נישט בעמערקט די מינדעסטע זאך וואס זאל דארט ברענגען צום לאכען. אלע האבען זיך געווענדעט צו דעם הייליגען צדיק רבי זאב קוצעס ז"ל אז ער זאל דעם בעל שם פרעגען וואס דאס גרויסע געלעכטער איז געווען. וויל דער רבי זאב האט זיך נוהג געווען, אז נאך זיין פערזיכען מוצאי שבת קודש די לולקע, האט ער געפרעגט דעם הייליגען בעל שם וואס עס איז אין דעם שבת געשעהען אויף די וועלט. דער רבי זאב האט זיי מבטיח געווען אז ער וועט דעם בעל שם הקדוש שוין פרעגען וואס זיין לאכען איז געווען. מוצאי שבת קודש איז רבי זאב אריינגעגאנגען אין בעל שם טוב'ס חדר אריין, און האט איהם געבעטען ער זאל איהם זאגען אויס ווערמען ער האט געלאכט ביים טיש דריי מאל געלאכט. דער

הייליגער

הייליגער בעל שם האט איהם צוגעזאגט צו ווייזען וואס האט איהם געבראכט צו דעם גרויסען נעלעכטער. דער בעל שם האט געהייסען זיין ערל שפאנען די פערד, אזוי האט דער בעל שם זיך נוהג געווען צו פאהרען יעדען מוצאי שבת זיך אביסעל איבער אונטער די שטאדט דער ערל האט געשפאנט די ברויטשקע. דער בעל שם האט געהייסען אז זיינע לייבמענטשען זאלען זיך אויפזעצען, אויך האט ער געהייסען מיט נעמען די וואכעדיגע קליידער, דער בעל שם האט זיך מיט זיי אויפגעזעצט אויף די ברויטשקע. ער האט געהייסען אבלאזען די לייצען און די פערד זענען אזוי געפאהרען א גאנצע נאכט, און זיי האבען נישט געוואוסט ווי און וואו זיי פאהרען. ווי דער טאג האט ערשיינט האבען זיי געזעהען אז זיי זענען אין די שטאדט קאזניץ. זיי זענען אריין אין א אכסניא. ס'האט נישט לאנג געדויערט איז די שטאדט געווארהר געווארען אז דער הייליגער בעל שם איז דא אין שטאדט מיט זיינע חסידים. מ'האט באלד ארומגערינגעלט די אכסניא פון אלע זייטען נאר דער בעל שם האט נישט געהייסען קיינעם אריינלאזען ביז ער האט אבגעדאווענט מיט זיינע חסידים. נאכדעם דאווענען האט ער געהייסען רופען דעם הייליגען קאזניצער מגיד'ס פאטער רבי שבתי איינבינדער. זיינע חסידים האבען איהם געפרעגט וואס פאר א געשטעלטען ער האט מיט אזוי א פראסטען מענטש, דער בעל שם האט זיי געענטפערט אז ער איז טאקי א פראסטער מענטש נאר ער בעזיצט א ערליך כשר הערץ ווי דער גרעסטער צדיק. עס האט נישט לאנג געדויערט איז דער רבי שבתי געשטאנען פאר דעם הייליגען בעל שם. ער האט איהם א קורצע צייט בעטראכט גלייך ער לעזט פון איהם אראב וואס ער האט אבגעטהון. ער האט איהם געהייסען קומען מיט זיין ווייב. דער רבי שבתי איז געלאפען אהיים און איז צוריק געקומען מיט זיין ווייב. דער בעל שם האט איהם געפרעגט וואס ער האט דעם פאריגען שבת ביי נאכט געטהון. ער האט איהם בעשווארען צו זאגען דעם אמת, און אלע זענען דארט געשטאנען און זיך צו געהערט

## דער רבי שבתי האט אנגעהויבען צו ערצעהלען מיט דעם לשון.

„איך וועל פון אייך מלאך אלקים נישט לייקענען און אייך ריכטיג ערצעהלען אלץ וואס איז מיט מיר געשעהען, און אויב איך האב געזינדיגט זאל מיר דער הייליגער צדיק ארויסגעבען א תשובה אויף דעם. פון מיין יונגענד בין איך מיך מפרנס פון מיין מלאכה וואס איך בינד איין ספרים. די גאנצע יאהרען וואס איך האב נאך געהאט

כח צו ארבייטען, האב איך מיך ערנעהרט בריוח און האב מיר שוין געהאט אנגעזאמעלט א ביסעלע עשירות, און מיין מנהג איז געווען אז דאנערשטאג מיטאג האט מען ביי מיר איינגעקויפט אלץ אויף שבת מעהל, פיש, פלייש, ליכט, און אלע הצטרכות. פרייטאג זייגער צעהן אין די פריה האב איך מיר אוועקגעלייגט מיין ארבייט. איך האב מיך אבגעוואשען, אנגעטהוען מיינע שבת קליידער און מיר געגאנגען אין שוהל אריין זאגען שיר השירים און תקוני שבת און בין דארט געווען ביז נאך דעם דאווענען. אזוי האב איך מיך נוהג געווען פון מיין יוגענד אן. נאר איצט אויף דער עלטער האב איך שוין קיין כח נישט עוסק צו זיין אין מיין מלאכה, דאדורך לעב איך בדחקות און קאן מיר מעהר נישט אנגרייטען אין דאנערשטאג אלע הצטרכות אויף דעם היילינען שבת, פונדעסטוועגען לאז איך נישט אב די מצוה צו געהן פרייטאג זייגער צעהן אין שוהל אריין, נישט קוקענדיג צו איך קאן יא צו איך קאן נישט, דאס איז ביי מיר א חוק ולא יעבור. האט זיך מיר געמאכט טאקי דעם פאריגען פרייטאג אז צעהן אין די פריה האב איך פשוט נישט געהאט אפילו איין פרוטה אויף שבת, אויך קיין מעהל האט מען נישט געהאט דאנערשטאג אנגעגרייט. און אזוי ווי איך האב אין מיינעם גאנצען לעבען נישט געברויכט אנצוקומען צו מענטשען, האב איך היינט אויך נישט געוואלט זיך אנרייסען און בעטען א מענשליכע שטיצע, און האב ביי מיר פעסט בעשלאסען צו פאסטען אין דעם שבת און נישט נעמען א מתנה פון א בשר ודם. נאר איך האב מורא געהאט אז מיין אלט ווייב וועט זיך נישט קאנען איינהאלטען און זי וועט נעמען פון איהר שכנות א ליכט א חלה פיש אדער פלייש, דאדורך האב איך זי זעהר שטארק אנגעבעטען אז זי זאל זיך פיהרען ווי איך און נישט נעמען פון קיינעם דאס מינדעסטע, אפילו ווען די שכנים וועלען זי בעטען. און אז איך זאל זיין זיכער אז זי וועט מיך פאלגען, האב איך פון איהר גענומען תקיעת כף אויף דעם. צעהן דער זייגער אין דער פריה בין איך מיר געגאנגען גלייך אין שוהל אריין ווי מיין מנהג איז, און איך האב מיין ווייב געזאגט אז איך וועל היינט נישט אהיימגעהן צו זאמען מיט'ן עולם פון שוהל כדי זיי זאלען מיך נישט פרעגען פאר וואס ברענט ביי מיר נישט קיין ליכט אין שטוב, נאר ווען אלע וועלען שוין האבען אהיימגעגאנגען פון שוהל וועל איך דאמאלס אהיימקומען און מיר וועלען ביידע מקבל זיין באהבה וואס דער אין הימעל האט אויף אונז גוזר געווען. איך בין מיר אוועקגעגאנגען אין שוהל אריין, מיין ווייב האט אויסגעקעהרט די שטוב, און אלץ אבגעריינינט לכבוד שבת, האט זי געפונען איהרע אלטע הענדשקעס וואס זי האט שוין געהאט וויפיעל יאהרען פערלוירען און האט נישט געוויסט ווי זיי זענען אהין געקומען. אויף די הענדשקעס זענען געווען אנגענעהט זילבערנע און גאלדענע קנעפעלעך. זי איז מיט זיי גלייך

געגאנגען

נעגאנגען צום גאָלדשמיד און האָט זיי פערקויפט, און מיט דעם געלד האָט זיי אָנגעגרייט אַלץ אויף שבת בריוח אַז ס'איז נאָך איבער-געבליבען עסען אויף זונטאָג. גאַר אַזוי ווי איך האָב געזאָגט אַז איך וועל שפּעטער אַהיים קומען פון שוהל, האָט זי געקויפט צוויי גרעסערע ליכט ווי אַלע מאָל.

ביי נאַכט ווי דער גאַנצער עולם איז שוין אַהיים געגאַנגען פון שוהל, בין איך מיר אויך אַהיים געגאַנגען, און ווי איך האָב אויפ'ן גאַס געזעהען דורך מיין פענסטער אַז אין מיין שטוב איז ליכטיג, האָב איך מיר געטראַכט אַז מיין ווייב האָט עובר געווען דעם תקיעת כף און האָט פון אַ שכן גענומען אַ נדבה. איך קום ביין אַריין אין שטוב וועה איך זעהר ערשטוינט זעהענדיג אַ געדעקטען טיש מיט חלות פלייש און פיש אויך ווין אויף קידוש. איך האָב מיר געטראַכט אַז איך וועל מיך מיט איהר קריגען וועל איך האָבען אַ פערשטערטען שבת, דאַדורך האָב איך מיך איינגעהאַלטען, איך האָב מיר געמאַכט אַ ברייטען קידוש און אָבגעגעסען די פיש, נאָכדעם האָב איך איהר זעהר ערגל פאַרגעהאַלטען פאַר וואָס זי האָט דעם תקיעת כף נישט געקאָנט האַלטען. זי האָט מיר גלייך ערצעהלט פון די הענגדשקעס. און איך הערענדיג דאָס האָבען מיינע אויגען גלייך אָנגעהויבען גיסען טרערען פון גרויס שמחה און האָב דעם אייבערשטען געדאַנקט פאַר דעם גרויסען חסד וואָס ער האָט מיט מיר געטהון. און פון גרויס שמחה האָב איך מיך נישט געקאָנט איינהאַלטען, און האָב גענומען מיין אַלטיטשקע און מיט איהר געטאַנצט אַ גאַנצע שעה. נאָך דעם עסען די יוך האָב איך מיט איהר נאָך אַמאָל גע-טאַנצט, און נאָכ'ן צימעס האָב איך מיט איהר דאָס דריטע מאָל געטאַנצט, פון גרויס פרייד, אַז איך האָב געמאַכט דעם הייליגען שבת מיט מיין אייגען געלד נישט מיט אַ מתנת בשר ודם. און איצט הייליגער רבי ווען איך האָב טאַקי מיט דעם געזינדיגט וואָס איך האָב מיר ערלויבט צו טאַנצען מיט מיין ווייב אין שבת קודש, בעט איך פון אייך הייליגער רבי איהר זאָלט אַזוי גוט זיין און מיר אַרויס-געבען אַ תשובה אויף דעם, און איך בין מוכן ומזומן אַלץ צו טהון, האָטש דער אין הימעל ווייסט דעם אמת אַז איך האָב דאָס געטהון מיט אַ הייליגע כונה צו דאַנקען איהם פאַר די גרויסע גנאַדע וואָס ער האָט מיט אונז ביידע געטהון.

דער הייליגער בעל שם האָט דאַמאָלס געזאָגט צו זיינע חסידים מיט דעם לשון: „גלייבט מיר אַז די גאַנצע פמליא של מעלה האָבען מיט זיי מיט געטאַנצט און מיט געלאַכט, און דאָס איז געווען וואָס איך האָב דאַמאָלס ביי דעם טיש דריי מאָל געלאַכט".

דער בעל שם האָט דאַמאָלס נעפרעגט רבי שבתי'ס ווייב וואָס זי וויל, צו זי וויל כבוד אַדער עשירות, אָדער זי וויל האָבען אַ זוהן

אויף

אויף די עלטער. (יעדער פון זיי איז שוין דאמאלס אלט געווען קרוב זיבעציג יאהר). נאר זי האט גלייך געענטפערט אז ס'איז איהר ליעבער א גוטער זוהן ווי עשירות. האט איהר דער בעל שם צוגעזאגט, אז אין א יאהר ארום וועט זי האבען א זוהן, און זאל איהם רופען ישראל ווי זיין היילינגער נאהמען איז. ווייל ער וועט זיין א גדול בישראל וואס וועט די וועלט בעלייכטען מיט זיין תורה און חסידות. און דאס איז טאקי געווען דער הייליגער קאזניצער מגיד זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

ס'איז געווען איינער פון קאזניצער מגיד'ס לייבמענטשען, א גרויסער חסיד און א מופלג אין תורה, און יעדען חודש איז ער געפאהרען זיך מזכיר זיין נאך קאזניץ און בעטען דעם מגיד הקדוש אז ער זאל פאר איהם מתפלל זיין אז ער זאל האבען קינדער און זאל נישט זיין א הולך ערירי, און דער מגיד האט איהם אויף דעם גארנישט געענטפערט. יעדעס מאל וואס ער איז אהיים געקומען און ערצעהלט זיין ווייב אז דער מגיד ענטפערט איהם נישט אויף זיין בקשה, האט זי איהם פער־ביטערט זיין לעבען און איהם געפייניגט אהן א שעור אז ער זאל דעם מגיד נישט אבטרעטען ביז ער וועט איהם געבען א קלארע תשובה אפשר זאלען זיי זיך גטין, ווייל איהר לעבען עלענד אהן קינדער איז ביי איהר קיין לעבען נישט געווען. ער איז נאך א מאל געפאהרען נאך קאזניץ און האט פאר'ן מגיד זעהר מאראליש געוויינט אז ער האט נישט מעהר קיין כח צו פערטראגען זיין ווייב'ס צרות און ער האט ביי זיך בעשלאסען נישט אהיים צו פאהרען ביז ער וועט הערען א ריינע תשובה אויף זיין בקשה.

דער הייליגער מגיד איז א קליינע ווייל געזיצען בעגייסטערט האלטענדיג זיינע אויגען צום הימעל, פון זיין הייליג מויל האט זיך געהערט זעהר א טיעפען הערצליכען זיפץ מיט דעם ענטפער: „ווען די ווילסט פערלירען דיין גאנץ פערמעגען וועסט די האבען קינדער, נאר געדענק אז די וועסט זיין א אביון".

דער חסיד איז געבליבען שטעהן זעהר בעראשט, און האט גע־ענטפערט אז ער פאהרט אהיים פרעגען זיין ווייב אויב זי בעשטעהט אויף דעם. דער מגיד האט אויף דעם צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ, און ער איז גלייך אהיים געפאהרען, און האט זיין ווייב איבערגעגעבען דעם מגיד'ס תשובה. און זי האט נישט לאנג געקלערט און איהם דרייסט געענטפערט אז זי וויל ליעבער זיין ארעם און האבען קינדער.

דער חסיד איז צוריק געפאהרען נאך קאזניץ און איבערגעגעבען דעם הייליגען מגיד זיין ווייב'ס ענטפער. דער מגיד האט איהם גע־הייסען אהיים פאהרען און ברענגען מיט זיך זיין גאנץ פערמעגען. און ער האט טאקי אזוי געטהון און אהיים געפאהרען. ס'האט נישט לאנג געדויערט איז ער צוריק געקומען צום מגיד הקדוש מיט זיין גאנץ געלד.

דער

דער מגיד האָט איהם געהייסען פֿאָהרען נאָך לובלין און זאָגען דעם הייליגען רבין רבי יעקב יצחק זכותו יגן עלינו אַז ער האָט איהם אַהין געשיקט ער זאָל איהם זאָגען וואָס ער זאָל טהוען ער זאָל האָבען קינדער. און ער איז גלייך אַוועקגעפֿאָהרען נאָך לובלין און האָט דאָרט דעם רבין ערצעהלט אַז דער הייליגער מגיד האָט איהם געשיקט אַז ער זאָל איהם זאָגען אַ סגולה צו האָבען קינדער. דער רבי פֿון לובלין האָט איהם געהייסען זיצען אין לובלין ביז ער וועט איהם געבען אַ תשובה אויף דעם. דער חסיד איז אַ לאַנגע צייט געזיצען אין לובלין און געוואוינט אין אַ האָטעל ווי אַ רייכער סוחר, פּלוצלינג האָט איהם דער רבי אַ רוף געטהון און איהם געזאָגט די ווערטער: „דיין רבי דער מגיד פֿון קאָזניץ זעהט גאַנץ גוט וואָס עס טהוט זיך, און עס וואונדערט מיך דאָס וואָס ער האָט אייך צו מיר אַהער געשיקט, נאָר ווען איהר זעגט שוין דאָ וועל איך אייך שוין זאָגען ווי אַזוי איהר קאָנט געהאָלפֿען ווערען"

אין אייער יונגענד זעהר איהר געווען פֿערלויבט מיט אַ כלה, נאָר ווי איהר זעגט עלטערער געוואָרען האָט איהר זי פֿיינד געקריגען און דעם שדוך אָבגעלאָזט, און צוליעב דעם האָט איהר קיינע קינדער נישט און אַזוי ווי אייערע געוועזענע כלה געפֿינט זיך איצט זעהר ווייט פֿון אייך, ברויכט איהר זי אויפֿזוכען און זי מפייס זיין, נאָר אַזוי ווי דאָס אויפֿזוכען ברויכט אייך פֿיעל צייט און פֿיעל געלד קאָסטען, האָב איך אויף אייך רחמנות און גיב אייך אַ עצה זי צו געפֿונען

נאָך צוויי חדשים אַרום וועט זיין דער יריד אין באַלטע, און דאָרט וועט זיך געפֿונען די פֿרוי, דאָס הייסט דיינע געוועזענע כלה, דאַדורך זאָלסט די דאַמאָלס דאָרט אַהין פֿאָהרען, און איך בין דיר מבטיח, אַז דו וועסט פֿון דאָרט נישט אַוועקפֿאָהרען ביז די וועסט זי געפֿונען, און דאָרט זאָלסט די זי מפייס זיין.

ער האָט אָנגעהויבען צופֿאָהרען לאַנגזאַם נאָך באַלטע טראַכטענ־דיג אפשר וועט ער זי נאָך טרעפֿען אויפֿ'ן וועג איידער דער יריד הייבט זיך אָן, נאָר דאָס האָט איהם נישט געהאָלפֿען ביז ער איז געקומען נאָך באַלטע און איז אַריין אין אַ אַכסניא און נישט אין זינען געהאַט קיין עסק גלייבענדיג וואָס דער הייליגער רבי פֿון לובלין האָט איהם געזאָגט אַז ער וועט שוין מעהר נישט זיין קיין עקר. אַ גאַנצען טאָג איז ער געזיצען אין זיין חדר און האָט געדאַווענט און געלערנט, נאָר דריי שעה אין טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען אין די גאַסען טראַכטענדיג אפשר וועט ער דאָרט האָבען אַ ידיעה פֿון די זאַך וואָס אין איהר הענגט זיין גאַנץ לעבען. נאָר דאָס האָט איהם אויך נישט געהאָלפֿען ביז דער יריד האָט זיך אָנגעהויבען, און פֿון פֿריהמאָרגען ביז שפּעט אין די נאַכט איז ער אַרומגעגאַנגען אין די גאַסען און האָט געזוכט די פֿרוי און האָט זי נישט געפֿונען, און ווען

ער

ער זאל נישט זיין אזוי א שטארקער מאמין אין הייליגען רבינ'ס הבטחה, וואלט ער זיך שוין מיאש געווען, און וואלט מיט פערדרוס פערלאזט באלטע מיט זיין יריד, נאר ווייסענדיג אז דעם הייליגען רבין פון לובלינ'ס ווערטער זענען הייליג, האט ער זיין ארומקלעטערען אין דעם פרעמדען געגענד פערליעב גענומען.

ער האט יעדען טאג געטהון זיין פפליכט און האט זיך ארומגעדרעהט צווישען אלע הענדלערס און געפרעגט אויף די פרוי, און האט פון קיינעם דאס מינדעסטע נישט דערגאנגען. נאר די לעצטע דריי טעג פון יריד ווען די סוחרים האבען זיך שוין אנגעהויבען צו צופאהרען, איז ער ארומגעגאנגען פערטיעבט אויפ'ן גאס. פלוצלינג האט אנגעהויבען צו געהן זעהר א שרעקליכער רעגען, ער איז אריינגעלאפען אין א געוועלב איבערווארטען דעם רעגען, נאר מ'האט איהם פון דארט ארויסגעטריבען, און האט געמוזט שטעהן אין א זייט צווישען פיעל פערשיעדענע מענטשען, ווי ער שטעהט אזוי פערביטערט זעהט ער געבען זיך א ווייבע פרוי אנגעטהון זיידענס און בעהאנגען מיט זעהר טייער צירונג. ער אלס חסיד האט זיך פון איהר אביסעל אבגערוקט. זי האט אנגעהויבען צו שמייכלען און האט דארט ערצעהלט איהר חברתה, אז דער מענטש איז געוועזן אמאל איהר חתן און האט זי פערשעמט, און איצט האטש ער פערמוגט נישט איהר מיסט ענטלויפט ער אויך נאך פון איהר. דער חסיד האט פון ווייטען געהערט איהרע ווערטער און איז צו איהר נעהנטער צוגעגאנגען און האט איהר געזאגט גוט מארגען. זי האט איהם אויסגעפרעגט ווי ס'געהט איהם און וואס ער טהוט אויפ'ן יריד. און ער האט איהר אלץ ריכטיג ערצעהלט, און האט איהר געוואלט געבען א טייערע מתנה זי זאל איהם מוחל זיין וואס ער האט זי מבייש געווען מיט'ן אבלאזען דעם שדוך,

זי האט איהם געענטפערט אז זי איז גענוג רייך און זי ברויכט נישט זיין מתנה, נאר אזוי ווי זי האט א ארעמען ברודער אגרויסער תלמיד חכם אין דארף נעבען די שטאדט סובאלק, און ער ברויכט טאקי די טעג חתונה מאכען זיין טאכטער, זאל ער צו איהם אהין פאהרען און איהם געבען צוויי הונדערט דוקאטען, דאמאלס וועט זי מוחל זיין איהר בושה און ער וועט זיכער האבען קינדער.

ער האט זי געבעטען אז זי זאל ביי איהם דארט צונעמען די צוויי הונדערט דוקאטען, און זיי שיקען מיט די פאסט צו איהר ברודער, וייל ער איז שוין גאנץ גענוג פערמאטערט פון די שווערע נסיעה און האט שוין נישט קיין כח צו פאהרען נאך הונדערט מייל פון באלטע נאך סובאלק. נאר זי האט איהם ערקלעהרט, אז זי קאן דאס געלד ביי איהם נישט צונעמען, וויל דורך די פאסט קאנען זיינע בעלי חובות נאך געוואהר ווערען אז ער האט בעקומען געלד און זיי וועלע איהם

אָנהייבען צו פּייניגען, און זי אַליין האָט קיין צייט נישט אַהין צו־פאָהרען, דאַדורך מוז ער אַליין זיין דער רייזענדער און איהם אַליין איבערגעבען דאָס געלד. און אַזוי ווי איהר ברודער וועט האָבען די סומע אין די האַנד, איז זי איהם מוחל די אַלטע בושה במחילה גמורה. ער האָט זי נאָך אַמאָל געוואָלט בעטען אַז זי זאָל איהם בע־פרייען פון די שווערע נסיעה, נאָר זי האָט נישט געוואָלט הערען און איז פון איהם נעלם געוואָרען

ער איז אַהיים געגאַנגען אין זיין אכסניא מיט פרייד וואָס ער האָט זי געטראָפען און מיט צער וואָס ער מוז מאַכען די גרויסע רייזע. ער איז פון דאָרט געפאָהרען נאָך ווילנא און פון דאָרט איז ער גע־פאָהרען נאָך סובאַלק און איז בשלום אַריינגעקומען אין דעם דאָרף ווי איהר ברודער וואוינט, ער האָט איהם דאָרט אין שטוב געטראָפען אַרומגעהן הין און צוריק זעהר פערביטערט און אַזוי פערנומען מיט זיינע געדאַנקען, אַז ער האָט נישט בעמערקט אַז ס׳איז ווער אַריינ־געקומען. ער האָט איהם געפרעגט אויב ער איז ר׳ ליב סובאַלקער, און ער האָט איהם געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אַז ער איז דער זעלבער. אויך האָט ער איהם געפרעגט וואָס ער דרעהט זיך אַרום אַזוי פער־זאָרגט, און ער האָט איהם געענטפערט אַז ער ברויכט נישט וויסען וואָס זיין זאָרג איז ווען ער קאָן איהם פון איהר נישט רעטען. ער האָט איהם געגעבען אָנצוהערען אַז ער קאָן איהם זיין צו הילף, נאָר דער ר׳ ליב האָט איהם איראָניש אויסגעלאַכט און איז פון איהם אַוועקגעגאַנגען אין צווייטען חדר אַריין. דער חסיד איז איהם נאָכגעגאַנגען און האָט איהם שוין דייטליך געזאָגט אַז ער איז בכח איהם צו העלפען און בעפרייען איהם פון זיין זאָרג. ר׳ ליב האָט איהם ער־צעהלט מיט אַ צובראָכען הערץ, אַז ער האָט אַ טאָכטער און האָט זיך משדך געווען מיט אַ סובאַלקער נגיד, און האָט איהם צוגעזאָגט דרייהונדערט רובל נדן אויסער דעם אויסשטייער און מתנות דעם חתן. און דאָס געלט האָט ער שוין געהאַט ליגען במלואו, נאָר דער שררה פון דאָרף האָט פון איהם געפאָדערט אַגרויסע הוספה אויף די אַרענדע און בעצאָהלען איהם פאַר אַ גאַנץ יאָהר פאָראויס און ער איז געווען געצווינגען איהם אַוועקצוגעבען זיין טאָכטערס גאַנצע געלד, דאַדורך האָט ער עובר געווען דעם זמן חתונה, און נעכטען האָט איהם דער מחותן אָבגעשיקט די תנאים מיט אַ בריעף אַז ווען ער וועט נישט מסלק זיין דעם גאַנצען נדן אינלויף דריי טעג וועט ער מיט זיין זוהן טהוען אַ אַנדערן שדוך. הערענדיג דאָס זיצט זיין טאָכטער און וויינט צוזאַמען מיט איהר מוטער, וויל דער חתן איז באמת אַ טייערער בחור מיט אַלע מעלות, וואָס אַלע זענען איהם מיט דעם שדוך זעהר מקנא, און ס׳איז איהם זעהר אַ שאָד איהם אָבצולאָזען.

דער חסיד האָט איהם בערוהיגט מיט באַרמהערציגע ווערטער, אַזוי האָט

האָט איהם געזאָגט אַז ער גיט איהם שוין צווייהונדערט דוקאַטען אַ מתנה דער ר׳ ליב פרעגט איהם פאַר וואָס גיט ער איהם אַזוי אַגרויסע מתנה און מיט וואָס האָט ער ביי איהם אַזוי אַגרויסען חן געפונען. און דער חסיד וואָס איז געוועזען געוואוינט נאָר מיט׳ן אמת, האָט איהם ערצעהלט די גאַנצע מעשה מיט זיין שוועסטער, אַז ער האָט זי געזעהן אויפ׳ן יריד אין באַלטע און זי האָט איהם געהייסען געבען די סומע געלד.

ר׳ ליב איז געוואָרען זעהר אין כעס הערענדיג די ווערטער און האָט צו איהם מיט פייער געשריגען: „איהר מיינט אַז וויל איך בין היינט אַ אָרעמאַן מוזט איהר שוין פון מיר חוזק מאַכען. ווי אַזוי האָט איהר גערעדט מיט מיין שוועסטער ווען זי איז שוין פופצעהן יאָהר טויט און איך אַליין האָב עוסק געוועזען אין איהר קבורה”.

דער חסיד ענטפערט איהם ערליך: „איך שווער אייך ביי דעם אין הימעל אַז איך מאַך חלילה פון אייך נישט חוזק. איך זאָל אַזוי בשלום אהיים קומען ווי איך האָב מיט מיינע אויגען געזעהן אייער שוועסטער אויפ׳ן יריד אין באַלטע און האָב מיט איהר דאָרט דאָס אָבגעשמועסט. יאָ דאָס איז געוועזען אייערע שוועסטער אסתר שפרה, און זי האָט דאָרט ערצעהלט איהר חברתה אַז איך האָב זי אַמאָל פערשעהמט און האָב אָבגעלאָזט דעם שדוך. אפשר האָב איך אַ טעות, און איהר זענט נישט איהר ברודער ר׳ ליב ר׳ אליעזר׳ס זוהן פון סובאַלק”.

„זייט רוהיג, ענטפערט איהם ר׳ ליב, איך בין דער איינענער ר׳ ליב סובאַלקער, אסתר שפרה איז געוועזען מיין שוועסטער, און ווען איהר גלייבט מיר נישט אַז זי איז שוין פופצעהן יאָהר טויט, קאָן איך אייך פיהרען און ווייזען איהר קבר, נאָר ווען די צוויי הייליגע צדיקים דער קאָזניצער מגיד מיט׳ן רבין פון לובלין האָבען זיך אין דעם אַריינגעמישט, איז דאָס אַלץ אמת. און זיי האָבען מיין טויטע שוועסטער טאַקי אַראָבגעבראַכט אויף די וועלט אַז זי זאָל אייך מוחל זיין איהר בושה, און איהר זאָלט געהאָלפען ווערען מיט קינדער.

ער האָט איהם געגעבען די צווייהונדערט דוקאַטען, און איז געפאָהרען נאָך קאָזניץ ערצעהלען דעם הייליגען מגיד די גאַנצע וואונדער־ליכע מעשה נאָר ווי ער איז אַריינגעקומען צום מגיד און האָט געוואָלט אָנהייבען רעדען, האָט דער מגיד איהם איבערגעהאַקט די ווערטער, און האָט איהם פריהער אַלץ ערצעהלט גלייך ער וואָלט דאַביי געוועזען אויך האָט ער איהם ערקלערט ווי גרויס איז די זינד פון תנאים צורייסען און דאָס וואָס איין צד פערשעהמט דעם צווייטען צד.

אין די ימים נוראים פלעגט דער הייליגער קאָזניצער מגיד אַליין דאַווענען פאַר׳ן עמוד. איינמאָל איז ער צוגעגאַנגען צום עמוד דאַווענען כל נדרי, און איז אָבגעשטאַנען צוויי שעה און נאָרנישט געזאָגט נאָר

פערנאסען

פערנאַכטן הייסע ביטערע טרערן. אַלע האָבן דאָס בעטראַכט מיט אַ גרויסע אימה נישט וויסענדיג וואָס דאָס זאָל בעדייטען. פּלוצלינג האָט ער זיך אויסגעבויגען צום עולם מיט אַ פראַגע אויב ס'געפינט זיך נישט צווישען זיי אַ פּילאַווער איד. זיי האָבען געזוכט אַזוי אַ איד און נישט געפונען, נאָר איין איד איז דאָרט געווען וואָס וואוינט אין דאָרף ראַנוויץ וואָס איז צווישען פּילאַווע און גניוואַשאָוו נעבען די ווייסעל, דער עולם האָט איהם נעהייסען צו געהן. דער מגיד האָט איהם געפרעגט אויב ער קען די שטאָדט פּילאַווע. און ער האָט איהם געענטפערט אַ ער קען פּילאַווע זעהר גוט, פאָהרענדיג טאָג טעגליך אהין פערקויפען די מילך פון די פאַכט. ער האָט איהם ווייטער געפרעגט אויב ער קען דעם חראַביע שאַטרינסקי פון דאָרט מיט זיין הונד. דער דאָרפס איד האָט איהם געענטפערט אַז ער קען דעם חראַביע און אויך זיין הונד וואָס איז גרויס ווי אַ קוה און בילט קיינמאָל נישט אויך בייסט נישט קיינעם. דער מגיד האָט איהם געפרעגט אויב ער ווייסט נישט פון וואַנען קומט דער הונד צו דעם חראַביע. האָט איהם דער איד געענטפערט, אַז דער חראַביע איז אַמאָל אַוועקגעפאָרען זעהר ווייט ווי די הראַביעס שפּילען דאָרט אין קאָרטען, און האָט דאָרט געקויפט דעם הונד פאַר אַכצעהנהונדערט רענדלעך, און דאָס ביידעל וואָס ער האָט געלאָזט מאַכען פאַר דעם הונד האָט אויך געקאָסט צוויי הונדערט רענדלעך. און האָט איהם יעדען טאָג געגעבען צעהן פונט פלייש. איינמאָל האָט דער חראַביע איהם אַליין צוגעטראָגען דאָס פלייש, איז דער הונד צוגעלאָפען און האָט איהם דאָס פלייש אַרויסגעכאַפּט פון האַנד, איידער ער האָט עס פאַר איהם אַנידערגעלייגט. דאַדורך איז דער חראַביע אויף איהם בייז געוואָרען און האָט גלייך צובראָכען זיין ביידעל און איהם מיט געשלעג אַרויס געיאָגט, און פון דאַמאָלס אָן געפונט זיך דער הונד אין שטאָדט.

ווי דער מגיד האָט דאָס געהערט, האָט ער זיך אויסגעבויגען צום עמוד און געזאָגט מיט גרויס התלהבות: „די הערסט מלאך מיכ... און האָט גלייך אָנגעהויבען צו זאָגען כל נדרי.

מוצאי יום כפור האָבען די גרויסע חסידים געפרעגט דעם מגיד וואָס איז נאַכטען ביי כל נדרי געשעהען. און ער האָט זיי ערצעהלט מיט דעם לשון: „נאַכטען ביי כל נדרי איז געוואָרען אַ שטאַרקער קטרוג אין הימעל אויף אידען, ווייל אין די שטאָדט מעזיבוז נעבען קראָקאַ האָט געוואוינט אַגרויסער אָרעמאַן און ער האָט געהאַט אַ טאָכטער אַ בוגרת און האָט נישט געהאַט מיט וואָס זי חתונה צו מאַכען. זיין ווייב האָט איהם געפייניגט ער זאָל אַרומגעהן בעטלען פון איין שטאָדט אין די צווייטע און זעהען צו מאַכען געלד. ער איז אָבער געווען בטבע זעהר אַ ביישן און האָט נישט געקאָנט זיך מכניע זיין פאַר אַ בשר ודם און איהם בעטען אַ נדבה, דאַדורך האָט ער נישט געקאָנט

אנזאמלען

אָנזאַמלען קיין געלד. ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ בושת פנים פון איין שטאָדט אין די צווייטע ביז ער איז אַריינגעקומען נאָך פּילאַווע און האָט דאָרט געמאַכט אַ קליין ביסעל געלד, און איז אַרויס פון שטאָדט, ער איז געגאַנגען און זעהר יאָמערליך געוויינט וואָס ער קאָן נישט אָנזאַמלען אַ שטיקעל נדן פאַר זיין בוגרת. פּלוצלינג האָט ער דערזעהען ווי דער הרבּ׳ביע פון פּילאַווע פאָהרט אין זיין קאַרעטע און פיעל שרים פאָהרען איהם נאָך מיט גרויס פּאַראַד. און דער הרבּ׳ביע האָט פון וויטען געהערט זיין וויינען און האָט איהם צוגערופען און איהם געפרעגט וואָס זיין געוויין איז. ער האָט איהם ערצעהלט דעם גאַנצען אמת אַז זיין טאָכטער די בוגרת פערביטערט זיין לעבען.
דער הרבּ׳ביע האָט איהם געפרעגט מיט וויפיעל געלד קאָן ער זיין טאָכטער חתונה מאַכען. ער האָט איהם געענטפערט אַז זיין גאַנצע הילף איז הונדערט רענדלעך. דער הרבּ׳ביע האָט איהם גלייך געגעבען אַ קוויטעל אויף הונדערט רענדלעך און האָט איהם געהייסען געהן נאָך פּילאַווע צו זיין קאַסירער וועט ער איהם דאָס געלד אויסצאָהלען.
ווי ער איז מיט זיינע שרים אַוועקגעפאָהרען האָט ער זיך געטראַכט אַז דער הרבּ׳ביע מאַכט פון איהם חוזק, דאַדורך האָט ער מורא געהאַט צו געהן מיט דעם קוויטעל אין הויף אריין צום קאַסירער, און איז וויטער אַרומגעגאַנגען פון איין שטעדטעל צום צווייטען בעטלען, ביז ער איז געקומען נאָך דובענקאַ וואָס איז נעבען האַרובשאָוו און האָט זיך דאָרט אַביסעל אָבגערוהט, און האָט געריכנעט שוין אַהיים צו פאָהרען וויל ס׳איז שוין געווען נאָהנט צו די ימים נוראים ער איז צוריק אַריינגעקומען אין פּילאַווע און איז דאָרט איינגעשטאַנען אין אַ אַכסניא און ס׳האָט זיך געמאַכט אַז ער האָט דעם בעל-אכסניא געוויזען דאָס קוויטעל וואָס דער הרבּ׳ביע האָט איהם געגעבען.
דער בעל-אכסניא איז זעהר נתפעל געוואָרען און האָט איהם געפרעגט פאַר וואָס ער געהט נישט אַריין אין הויף צום קאַסירער ער זאָל איהם אויסצאָהלען דאָס געלד. און זעהענדיג זיין בטלנות האָט ער ביי איהם גענומען דאָס קוויטעל און איז אַריין אין הויף צום קאַסירער און האָט דעם בעטלער געבראַכט דאָס גאַנצע געלד אין אַכסניא אַריין.
און ער איז אַהיים געפאָהרען מיט גרויס שמחה. און דורך דעם איז גע-בוירען געוואָרען אין הימעל אַ גרויסער קטרוג אויף אידען, אַז דער אָרעמער איד איז אַרומגעקלעטערט אַזוי פיעל אידישע שטעדט און האָט נישט געקאָנט קומען צו זיין ציעל, און איין גוי איז געקומען און האָט איהם מיט איינמאַל געהאָלפען. דאַדורך האָב איך נישט גע-קאָנט זאָגען כל נדרי און מיינע אויגען האָבען געגאָסען טרערען ווי וואַסער. נאָר ווי איך האָב דעם דאָרפס איד געהערט די מעשה פון דעם הונד, האָב איך געזאָגט דעם מלאך מיכאל וואָס ער איז דער אידישער מליץ אין הימעל אויף אידען, אַז דאָס איז גאָר קיין קטרוג נישט, וויל נישט דורך דעם הרבּ׳ביעס רחמנות אויפ׳ן איד האָט ער איהם

נעגעבע׳

נענעבען די הונדערט רענדלעך, נאָר ווײַל אַזוי אַ סומע האָט בײַ איהם קײן בעטרעף נישט, און אַ בעווײַז איז אַז ער האָט להבדיל אויף אַ הונד אויך אויסנענעבען הונדערטער רענדלעך, און מיט דעם האָט די פמליא של מעלה נישט צוגעהערט דעם קטרוג".

דער הײליגער רבי ר' מאיר יהושע וואָס איז געווען ראש בית דין אין קלעמענטאָוו, ערצעהלט, אַז אין די צײַט וואָס ער איז גע־וואָרען רב אין ריווק איז ער געפֿאָהרען צום ראַדשיצער רבין רבי ישכר בער זכותו יגן עלינו פֿרעגען אויב ער איז מסכים ער זאָל דאָרט נעמען דאָס רבנות. און זײַן שטײַגער איז געווען אַז ער האָט דעם רבין נאָרנישט ערצעהלט וואָס ער איז געקומען פֿרעגען, נאָר ער האָט געוואַרט אַז דער רבי זאָל אַלײן זאָגען מיט זײַן רוח הקודש נאָך וואָס ער איז געקומען, ווײַל דאַמאָלס איז דאָס געווען בײַ די הײליגע גוטע אידען אײנס פֿון די קלײנע זאַכען. און ווי ער האָט געזעהען אַז ס'געהט אַוועק אַ שענע פּאָר טעג און דער רבי זאָגט איהם נישט אפילו ברמז צו וואָס ער איז געקומען, האָט ער בײַ זיך געטראַכט אַז ווען דאָס זאָל זײַן מן השמים אַז ער זאָל דאָרט רב ווערען וואָלט מען דאָס מגלה געווען דעם רבין, און ווי ער איז זיך געגאַנגען גע־זעגענען אַהײם צו פֿאָהרען האָט ער מיט איהם גערעדט פֿון פֿער־שידענע געשעפֿטען אויך פֿיעל חדושי תורה און חסידות, און צום סוף האָט ער איהם געזאָגט מיט דעם לשון. „איך האָב געהערט אַז איהר זענט מיט מזל געוואָרען רב אין ריווק". (ביז דאַמאָלס האָט ער מיט איהם גערעדט בלשון אתה און פֿון דאַמאָלס אָן האָט ער מיט איהם שוין גערעדט בלשון אתם). האָט ער איהם געענטפֿערט אַז צוליעב דעם איז ע' טאַקי געקומען צו פֿאָהרען הערען אויב ער איז אויף דעם מסכים. האָט ער איהם געענטפֿערט מיט דעם לשון: „מיך פֿרעגט איהר, (ווײַזענדיג מיט אַ האַנד צום הימעל) תם תם מה הוא אומר. (וואָס זאָגט מען דאָרט אין הימעל. אויף פּויליש הײַסט דאָרט טאָם) יוען מ'האָט אין הימעל אַזוי גוזר געווען מוזט איהר אַזוי טהוען. יאָט ער איהם געזאָגט אַז ער איז טאַקי געקומען דאָס הערען אויב ס'איז אַזוי גוזר געוואָרען אין הימעל.

זאָגט צו איהם דער רבי מיט דעם לשון:

„איהר ווײסט דאָך אַז איך האָב מיך שטענדיג בעשיצט אונטער די הײליגע פֿליגעל פֿון די דרײַ גרויסע אידישע אָדלערס, דער הײליגער רבי פֿון לובלין, דער הײליגער מגיד פֿון קאָזניץ, און דער איד הקדוש פֿון פּרשיסחא זכותם יגן עלינו, און אַזוי איז געווען מײַן שטײַגער צו פֿאָהרען מחיל אל חיל, פֿון לובלין נאָך פּרשיסחא און פֿון פּרשיסחא נאָך קאָזניץ, און בין אָבגעזיצען אונטער זײער הײליגען שאָטען גאַנצע יאָהרען, נאָכדעם בין איך אַביסעל געווען בײַ מיר אין שטוב און ווידער אוועקגעפֿאָהרען צו מײַנע הײליגע רביים.

איינמאל ווי איך בין מיר אהיים נאך סוכות און איך בין דורכ־געגאנגען א קליין שטעדטעל, האט מיך דערקאנט א חסיד וואס פלעגט אויך פאהרען צום הייליגען רבין פון לובלין, ער האט זיך מיט מיר זעהר געפרייד און געפרעגט ווי ס'געהט מיר, און ווי איך האב איהם אויף דעם זעהר שוואך געענטפערט, האט ער מיך געפרעגט אויב איך וויל ביי איהם זיין א מלמד. איך האב מיר א טראכט געטהון ווער איז דאס דער וואס באלד מיט'ן ערשטען מאל שלאגט ער מיר אן צו זיין א מלמד, און ווען ער האט זיך דאס ערלויבט מיר אנצו־שלאגען איז דאס א ודאי מן השמים, און מ'האט פון הימעל אראב־געשיקט דעם געדאנק אין זיין קאפ אריין. און ווען דאס איז מן השמים ברויך איך איהם נישט צו פרעגען וויפיעל ער וועט מיר צאהלען. דאדורך האב איך מסכים געווען צו זיין ביי איהם מלמד און בין שוין דארט ביי איהם איבערגעבליבען. דעם גאנצען זמן האב איך איהם נישט געפערדערט קיין געלד. נאר ווען ער האט מיר אליין געגעבען, האב איך עס גענומען און אהיים געשיקט, און אפטמאל האט ער אליין צו מיר געשיקט געלד און איך האב איהם נישט גע־פרעגט וויפיעל ער האט געשיקט, וויל צו וואס זאל איך איהם פרעגען ווען אלין איז מן השמים, און וויפיעל געלד מ'הייסט איהם פון הימעל שיקען שיקט ער. און סוף זמן ווי איך האב מיך מיט איהם געזעגענד האט ער מיר געגעבען אפאר רובל, און האט מיר געזאגט אז איך זאל נאך יום טוב צוריק קומען אויף נאך א זמן, און איך האב אזוי געטהון וויל דאס איז א ודאי מן השמים.

ער האט מיך איינמאל געפרעגט פאר וואס איך רעד איהם נישט קיינמאל קיין געלד און פערלאנג פון איהם קיין חשבון נישט צו ס'קומט מיר נאך פון איהם געלד צו נישט. האב איך איהם געענטפערט מיט דעם לשון: „די מיינסט אז איך בין א מלמד ביי דיר און דער גאנצער עסק ווענדעט זיך אין דיר, ניין, דאס אלץ איז מן השמים, און דעם איבערשטענס השגחה איז אויף יערע מינדעסטע זאך וואס דער מענש טהוט, דאדורך ברויך איך דיך נישט צופ־עגען וויפיעל מיר קומט, וויפיעל דער אין הימעל וויל מיר געבען שיקט ער דיר אראב א געדאנק אין קאפ אריין און די גיבסט מיר". סוף זמן ווען איך האב פון איהם גענומען רשות אהיים צו פאהרען אויף יום טוב. האט ער מיר ווידער געגעבען עטליכע רובל און ער האט מיר נישט געזאגט און איך האב איהם נישט געפ־עגט אויב. איך זאל צוריק קומען אויף דעם אנדערען זמן, און בין מיר אהיים געפאהרען נאך פרשעדבורז, און בין מיר געזיצען גאנצע טעג אין בית המדרש און עוסק געווען אין די שטיל אין תורה און עבודה, און קיינער האט פון מיר נישט געוויסט, די גאנצע שטאדט האט מיך גערופען בעריל בטלן, וויל איך האב קיינעם נישט געוואלט ווייזען מיין כח אין לערנען, מעהרסט

איז מיין שטיינער געווען צו זאגען תהלים און מתפלל זיין מיט גרויסע בכיות, דאדורך האט די עטארט מיך געהאלטען פאר א פראסטען מענש און א בטלן

איינמאל ווי איך בין מיר געזיצען אין פרשעדבורז אין בית המדרש, איז צו מיר צו געקומען א מענש וואס האט מיך פיעל מאל געזעהן אין קאזניץ ביים הייליגען מגיד זכותו יגן עלינו, איך האב איהם געגעבען שלום און מיר האבען זיך צוזאמען געפרייד. איך האב איהם ווי דער שטיינער געפרעגט וואס ער טהוט אין פרשעדבורז. ער האט מיר ערצעהלט אז ער האט א טאכטער א בוגרת, און ער קאן ליידער מיט איהר קיין שדוך ניט טהון. און ווי ער האט דאס ערצעהלט דעם הייליגען מגיד פון קאזניץ, האט ער מיך געהייסען פאהרען אין איינינע שטעדט צווישען די חסידים און צוזאמען קלויבען א נדן, און ער האט אויסגעפיהרט מיט דעם לשון: „דאדורך זאלסט דו אזוי גוט זיין געהן צווישען די חסידים און מאבען פאר מיר א שפאר ביסעל געלד, די ווייסט דאך אז איך קאן דא אין פרשעדבורז נישט קיינעם אויסער דיך".

איך האב איהם אויף דעם גאנץ ערליך געענטפערט: אמת אז די גרויסע מצוה ליגט אויף מיר, נאר וואס קאן איך דיר ידידי טהון, ווען איך בין אליין דא אין פרשעדבורז בשפל המצב, און ווען איך וועל געהן צו די חסידים וועל איך דיר העכסטענס צוזאמען קלויבען צוויי גולדען, ווייל מ'וועט מיר געבען צו גראשען אדער צו צווייערם, און אויף הכנסת כלה ברויך מען האבען שפאר געלד, דאדורך זאלסט די זעהן אז דער געהער זאל בעסער זיין עפעס א אדם חשוב פון שטאדט. ער האט מיך נאך אמאל דאס איינענע געבעטען, און איך האב איהם ווידער דעם זעלבען ענטפער געגעבען און האב איהם געבעטען פערציידונג וואס איך זאג איהם דאס אב. ער האט מיר קאטעגלוטיג געענטפערט זעהר קורץ: „ווען ס'איז יא אזוי שטעהסט די נישט איינגעשריבען אין אייבערשטענס צעטעל", און איז זיך אוועקגעגאנגען

נאכדעם האב איך מיך בערעכענט אז ער האט קיין רעכט נישט געהאט צו זיין בייז אויף מיר, ווייל איך האב נישט חלילה מרחה געווען מיט'ן שקר נאר מיט'ן אמת. אויך האב איך איהם געגעבען א גאנץ ערליכע עצה. איך האב נישט געקאנט איינזיצען אויף מיין ארט און בין שנעל ארויסגעגאנגען אויפ'ן גאס איהם אויפ-זוכען און איהם מאקי אביסעל מוסר'ן פאר וואס ער האט מיך בחנם געשאלטען. איך האב איהם אזוי לאנג געזוכט ביז איך האב איהם געפונען ... האב איהם געצווינגען ער זאל מיר זאגען פאר וואס ער האט ...יזוי בעליידיגט

ער האט מיר געענטפערט מיט א שמייכעלדיג פנים: „חלילה, איך האב נאך אין מיינעם לעבען קיין מענטש ניט פערשעמט ווי נאך געשאלטען. נאר איך וועל דיר ידידי ערצעהלען די מעשה וועסט די שוין פערשטעהן מיינע ווערטער, אז דאמאלס ווען דער הייליגער קאזניצער מגיד האט מיך געהייסען ארומפאהרען צווישען חסידים און צוזאמענקלויבען נדבות, האב איך איהם געזאגט אז דאס איז פאר מיר זעהר א שווערע זאך, וויל איך האב נאך אין מיינעם לעבען קיינמאל קיין נדבה ניט געבעטען. אויך ווייס איך ניט צו וועמען צו געהן, און אין וועלכע שטאדט צו פאהרען, און וועמען צו בעטען ער זאל פאר מיר מאכען נדבות. האט ער מיר געגעבען א כתב מיט זיין חתימה, און האט מיר געזאגט אז איך זאל פאהרען אין די שטאדט וואס ס'וועט זיך מיר טרעפען א וואגען, און מ'וועט דיר אין הימעל גוזר זיין וויפיעל געלד די זאלסט מאכען אין יעדע שטאדט, און צו שיקען א מענש וואס זאל פאר דיר מאכען נדבות, און ווער ס'זאל געבען געלד, און וויפיעל יעדער זאל געבען, אזוי א רשימה און אזוי א צעטעל האט מען געמאכט אין הימעל און ווען די האסט מיר אבגעזאגט און די ווילסט ניט זיין א מעשה, איז ניט וויל די ביסט שלעכט נאר וויל די שטעהסט ניט אין דעם צעטעל וואס איז פאר מיר געמאכט געווארען אין הימעל".

ווי איך האב געהערט די הייליגע ווערטער פון דעם הייליגען קאזניצער מגיד, האב איך מיר געטראכט אז אפשר בין איך אויך איינגעשריבען אין דעם הימלישען צעטעל, און האב בעשלאסען צו פרובען בעטען נדבות פאר דעם ארעמען חסיד, איך בין מיר געגאנגען צווישען די סוחרים וואס זענען דארט געוועזען אויפ'ן יריד. דער ערשטער סוחר האט מיר געגעבען א באנקנאט פון הונדערט רענדלעך. דאמאלס האב איך פערשטאנען אז איך שטעה יא אין דעם הימלישען צעטעל און האב דעם אייבערשטען געדאנקט וואס האט מיר צוגעשיקט אזוי א גרויסע מצוה און האב צוזאמען גענומען פיערהונדערט רענדלעך אין איינינגע שעה. און האב געזעהן אז די גאנצע כונה פון דעם הייליגען קאזניצער מגיד'ס בריעף איז געוועזען אויף מיר.

דער הייליגער קאזניצער מגיד זכותו יגן עלינו איז אמאל געוועזען ביי דעם רבין פון לובלין. האט דער מגיד איהם געפרעגט אויב ס'געפינט זיך ביי איהם גוטע בחורים אדער יונגעלייט. און ווי ער האט איהם געזאגט יא, האט ער איהם געבעטען אז ער זאל איהם אהין שיקען צוויי דריי פון זיי נאך קאזניץ ער זאל זיך קאנען מיט זיי אונטערהאנדלען אין תורה און חסידות, און דער רבי האט איהם דאס צוגעזאגט. אין א צייט ארום ווען דער מגיד הקדוש איז שוין געוועזען אין קאזניץ האט איהם דער רבי פון לובלין אהין געשיקט צוויי פון זיינע תלמידים, איינער איז געוועזען דער איד הקדוש און דער צווייטער איז

געוועזען

נעוועֶן רבי דוד פֿון לעלוב זכותו יגן עלינו. ווי זיי זענעֶן אריינגעקומעֶן צום מגיד האָט ער זיי געפרעגט ווער זיי זענעֶן, האָבעֶן זיי איהם געֶ= ענטפֿערט אַז זיי זענעֶן דעם רבין פֿון לובלינס תלמידים. דער מגיד האָט געזאָגט: איהר מוזט זיין די וואָס ער האָט מיר צוגעזאָגט צו שיקעֶן. האָבעֶן זיי געענטפֿערט יאָ. ער האָט געֶפֿרעגט דעם איד הקדוש וואָס ער לערנט. האָט ער איהם געזאָגט די סוגיא וואָס ער לערנט ער האָט איהם געזאָגט אַז ער זאָל איהם זאָגעֶן עפּעס אַ דבר חדוש, האָט ער איהם געזאָגט זעהר אַ טיעפֿעֶן פלפול ווי זיין שטייגער איז געוועֶן, און דער מגיד איז פֿון דעם געוועֶן העכסט צופֿריעדעֶן. נאָכדעם האָט דער מגיד געזאָגט זיינס אַ דבר חדוש, און דער איד הקדוש האָט איהם אָפּגעהויבעֶן אָפּצוזוועֶנדעֶן מיט גרויס בקיאות און חריפות, ביז ער האָט בעמערקט אַז דער מגיד ווערט שוואַך, ער האָט מורא געקריגעֶן און האָט אָנגעהויבעֶן צוריק צו שטעלעֶן דעם מגיד'ס ווערטער. דער מגיד איז פֿון דעם זעהר צופֿריעדעֶן געוועֶן און האָט צו זיי געזאָגט: „איהר זאָלט וויסעֶן אַז יעדעֶן חדוש וואָס איך טהו אויף אין לערנעֶן איז בדרך קבלה און ס'איז אין דעם ניעט דאָ איין נקודה וואָס זאָל ניעט זיין אמת. און דער וואָס וויל צולייגעֶן אפילו איין אות פֿון מיינע ווערטער, בלייבט איבער פֿון וואָרט אמת די צוויי אותיות מת רחמנא ליצלן, דאַדורך האָט איהר געהאַט סיעתא דשמיא וואָס איהר האָט צוריק פֿערענטפֿערט מיינע ווערטער.

נאָכדעם האָט דער הייליגער מגיד געפֿרעגט רבי דוד לעלובער אויב ער קאָן לערנעֶן. און ער האָט איהם געענטפֿערט מיט אַ שמייכעֶל אַז ער קאָן ניעשט לערנעֶן און איז קיינמאָל קיין בן תורה ניעשט געוועֶן. האָט איהם דער מגיד געזאָגט: איהר לערנט דאָך אַ ודאי גמרא אָדער מדרש אָדער זוהר, זאָגט מיר עפּעס אַ דבר חדוש. האָט זיך רבי דוד'ל געוואונדערט און געענטפֿערט מיט תמימות: דער וואָס קאָן ניעשט לערנעֶן קאָן זאָגעֶן חדושים הערענדיג דאָס האָט איהם דער מגיד געבעטעֶן ער זאָל איהם כאָטש ערצעהלעֶן אַ מעשה. האָט איהם רבי דוד'ל ערצעהלט אַ מעשה. ווי ער האָט זי געענדיגט האָט איהם דער מגיד געזאָגט: „אַייערע געדאַנקעֶן זאָלעֶן אַזוי שטענדיג זיין בערוהיגט ווי איהר האָט איצט מיינע געדאַנקעֶן בערוהיגט שוין אַלאַנגע צייט ווי ס'איז מיר שוועהר אַ אָרט אין תקוני זוהר און וויים ניעט דאָרט אַ קשיא צו פֿערענטפֿערן. און איצט מיט די מעשה איז עס מיר זעהר נוט פֿערענטפֿערט געוואָרעֶן". הערענדיג דאָס האָט זיך דער איד הקדוש אָנגערופֿעֶן צום מגיד: „איך וועל אייך זאָגעֶן דעם חילוק צווישעֶן אונז ביידע. איך בין געקומעֶן פֿון תורה צו יראה, און מיין חבר רבי דוד'ל וועט קומעֶן פֿון יראה צו תורה". זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל.

דער צדיק רבי יצחק מאיר ערצעהלט פֿון זיין הייליגעֶן פֿאָטער

דער

דער רבי פון אפטא זי"ע, ווען ער איז געזעצען שבת ביי די סעודה אין קאזניץ האט ער זיך געהייסען דערלאנגען דעם ספר עבודת ישראל פון קאזניצער מגיד זכותו יגן עלינו, און נאכדעם ווי ער האט זיך אין איהם פערטיעפט מיט זיינע געדאנקען האט ער געזאגט צו די חסידים וואס זענען געזעצען ביי דעם טיש מיט דעם לשון: „צו לערנען אין דעם הייליגען ספר ווייסען חסידים אבוסעל, און לומדים ווייסען גארניכט. איך האב געקאנט דעם הייליגען צדיק. מיין געט־ליכער פאטער זכותו יגן עלינו האט מיך בעפוילען צו איהם צו פאהרען נאך קאזניץ, און איך בין ביי איהם געווען שבת פרשת דברים, און ערב שבת קודש נאך האלבען טאג. האט מען איהם אריינגעבראכט א ספר תורה אין זיין חדר אריין ער זאל מעביר סדרה זיין פון א הייליגע כשרה ספר תורה, און איך בין דאמאלס ביי איהם געווען אין חדר ווען ער איז געשטאנען מיט זיין פנים צו די ספר תורה וואס איז געלעגען אויפ'ן שלחן. אין מיטען ליינען האט א אשה גע־עפענט די טהיר און איז אריינגעקומען. זי איז געשטאנען נעבען די טהיר און ניכט צו געגאנגען. און דער מגיד הקדוש האט זי גאר ניכט געזעהן און האט ניכט בעמערקט אז ס'איז ווער אריינגעגאנגען, ווייל ער איז געווען פערנומען מיט אלע זיינע געדאנקען אין דעם ספר. ווי דער מגיד האט געענדיגט די פרשה האט ער זיך אנידער געזעצט פערמאטערט אויף די שטוהל און האט צוגערופען די אשה, און האט איהר געזאגט אז זי הייסט לאה בת זיסל האט זי געענטפערט יא. נאכדעם האט ער איהר געזאגט אז איהר בקשה איז צו האבען קינדער. האט זי געענטפערט יא. האט דער מגיד געזאגט ומפסוק אשר אמרתם לב"ז איז די ראשי תיבות לאה בת זיסל: יהי"ה, ס'וועט זיין לך לביתך. דער אייבערשטער וועט טהון דיין בקשה. און אזוי איז מיט די צייט געווען".

## דער הייליגער טשארטקאווער רבי זכרונו לברכה האט ערצעהלט פון קאזניצער מגיד זכותו יגן עלינו די מעשה.

א ארענדאר וואס פלעגט פאהרען צום מגיד נאך קאזניץ. ער איז געזעצען אין א דארף און דארט געהאלטען די ארענדע פיעל יאהר און פון דעם האט ער זיך מפרנס געווען. דער שררה פון דעם דארף האט געהאט א דערוואקסענע טאכטער וואס האט נוט געהערט נאר רעדען האט זי ניכט געקאנט. מען איז מיט איהר ארומגעפאהרען צו די ערסטע דאקטוירים פון די וועלט און זיי האבען איהר ניכט געקאנט העלפען

העלפֿען. איינער אַ איד האָט דעם שררה ערצעהלט אַז אין קאָזניץ געפֿינט זיך אַ געטליכער מאַן וואָס בעווייזט גרויסע וואונדערליכע זאַכען, און האָט דעם שררה געגעבען אַ עצה אַז ער זאָל גוזר זיין אויף זיין אידישען אַרענדאַטער אַז ער זאָל פֿאָהרען נאָך קאָזניץ צום הייליגען מגיד און פֿון דאָרט ברענגען אַ רפואה פֿאַר זיין שטימע טאָכטער. דעם שררה האָט די עצה זעהר געפֿאַלען און האָט שנעל געלאָזט רופֿען דעם אַרענדאַטער צו זיך און האָט איהם שטרענג בעפֿוילען אַז ער זאָל פֿאָהרען נאָך קאָזניץ און ברענגען פֿון מגיד אַ רפואה פֿאַר זיין טאָכטער, און ווען ער וועט דאָס נישט טהון נעמט ער איהם אַוועק זיין ברויט.

דער אַרענדאַטער איז געצווינגען געווען צו פֿאָלגען דעם שררה׳ס בעפֿעהל און איז אַוועק געפֿאָהרען מיט אַ צובראָכען הערץ נאָך קאָזניץ, און האָט דעם הייליגען מגיד געבעטען מיט ביטערע טרערען אַז ער זאָל אויף איהם און אויף זיין הויזגעזונד רחמנות האָבען און זאָל זעהן אַז דעם שררה׳ס טאָכטער זאָל קאָנען רייעדען, אויסער וואָס פֿון דעם וועט זיין אַ גרויסער קדוש השם. דער הייליגער מגיד האָט אויף איהם רחמנות געקריגען, און האָט צו איהם געהייסען ברענגען דעם שררה׳ס שטימע טאָכטער. דער אַרענדאַטער איז צוריק געפֿאָהרען צום שררה און האָט איהם איבערגעגעבען דעם מגיד׳ס ווערטער, נאָר די טאָכטער האָט נישט געוואָלט אַהין פֿאָהרען. דער אַרענדאַטער איז מיט ענטפֿער צוריק געפֿאָהרען נאָך קאָזניץ, האָט דער מגיד הקדוש איהם געהייסען ברענגען בערשטין און האָט אויף איהם לוחש געווען, און האָט דעם בערשטין געגעבען דעם אַרענדאַטער אַז ער זאָל עס געבען די שטימע און זאָל עס טראָגען אויף איהר האַלז ווי קרעלען און עס קיינמאָל נישט אויסטהון און דורך דעם וועט זי קאָנען רייעדען.

דער אַרענדאַטער איז אַהיים געפֿאָהרען מיט גרויס שמחה און האָט דעם בערשטין איבערגעגעבען דעם שררה, און האָט איהם ער־צעהלט אַז דער הייליגער מגיד האָט עס אָבגעשפּראָכען און האָט עס זיין טאָכטער געהייסען טראָגען ווי קרעלען אויף איהר האַלז און פֿון דעם וועט זי געהאָלפֿען ווערען. די שטימע האָט זיך גלייך אָנגעהאָנגען דעם בערשטין אויפ׳ן האַלז, און האָט גלייך אָנגעהויבען צו רייעדען ווי יעדער מענטש. דער שררה האָט געמאַכט אַ באַל און האָט פֿערבעטען אַלע חראַביעס און גלחים, און האָט פֿאַר זיי ערצעהלט וואָס פֿאַר אַ געטליכער מאַן דער קאָזניצער מגיד איז אַז דורך זיין סגולה האָט זיין שטימע טאָכטער אָנגעהויבען צו רייעדען. אַלע געסט האָבען דאָס זעהר בעוואונדערט.

צווישען די געסט איז געווען אַ גלח אַ שונא ישראל וואָס האָט געקאָנט צו הערען ווי מען פֿערגעטערט אַזוי אַ איד, און ער האָט נישט געזעהן האָט ער דעם בערשטין צו גענומ׳

און

און די טאכטער איז צוריק שטום געווארען, אלע האבען אנגעהויבען צו זוכען דעם בערשטיין און האבען איהם נישט געפונען. דער שררה האט שנעל געשיקט רופען דעם אידישען ארענדאטער און האט איהם ערצעהלט דאס אומגליק וואס האט איהם געטראפען, און האט איהם געהייסען שוין פאהרען נאך קאזניץ און ברענגען פון היילינען אנדערן אבגע־שפראכענעם בערשטיין, און ווען ער וועט דאס איהם נישט טהוען מאכט ער איהם אויס פאר ארענדאטער.

דער היילינער מגיד האט דאס צווייטע מאל רחמנות געקריגען אויף דעם ארענדאטער, און האט איהם געזאגט אז דער צווייטער אבגעשפראכענער בערשטיין וועט איהר שוין נישט העלפען צוליעב א טעם וואס ער קאן איהם נישט מגלה זיין, נאר ער קאן איהם זאגען ווי דער ערשטער אבגעשפראכענער בערשטיין געפינט זיך, און האט איהם געהייסען זאגען דעם שררה אז דער גלח וואס איז געוועזען אויפ'ן באל האט דעם בערשטיין צוגעגנב'ט און האט עס בעהאלטען אויף דעם און דעם א־ט.

דער ארענדאטער איז אהיים געפאהרען מיט שמחה און האט דעם שררה דאס איבערגעגעבען. דער שררה איז אהין געגאנגען מיט זיין מיליטער און האט טאקי אויף יענעם ארט געפונען דעם בערשטיין די שטימע טאכטער האט איהם צוריק אנגעטהון אויפ'ן האלז און האט גערעדט ווי פריהער.

# דער היילינער רבי ר"מ הורוויץ איז געווארען רב אין שעפס דורך די הסכמה פון קאזניצער מגיד און דעם קדושת לוי זכותם יגן עלינו.

דער היילינער קדושת לוי איז גראדע דאמאלס געוועזען אין קאזניץ ווען די שעפסער בעלי בתים זענען אהין געקומען פרעגען דעם מגיד אויב ער איז מסכים אז דער ר"מ הורוויץ זאל ווערען שעפסער רב. דער מגיד האט גלייך געשיקט פרעגען דעם קדושת לוי וואס איז ביי איהם איינגעשטאנען וואס פאר א רב ער זאל זיי געבען און דער קדושת לוי האט גלייך געענטפערט אז ס'איז זעהר גלייך אז רבי מאיר'ל לאסקער זאל דארט איבערנעמען דאס רבנות, און זיי האבען דאס גלייך בעשטעטיגט.

אין א צייט ארום איז דער קדושת לוי געקומען צו פאהרען נאך שעפס צום רב. ער האט איהם געפרעגט: „נו מאיר'ל האב איך דיר נוט געראיעט". דער רב האט איהם ערצעהלט אז ער האט דארט

גרויס ענמת-נפש פון איין מענטש וואס רודפ'ט איהם און מסר'ט איהם שטענדיג צום רעגירונג. דער קדושת לוי איז דארט ערב שבת אריינגעגאנגען אין שוהל מנחה דאווענען, און האט געדאווענט פאר'ן עמוד און האט ביי די שמונה עשרה אזוי לאנג מאריך געווען ביז די ליכט זענען אויסגעגאנגען. דער עולם האט דאס זעהר בעוואונדערט, נאר ווייסענדיג אז ער איז א אמת'ער איש אלקים האבען זיי געשוויגען. צו מארגענס שבת אין די פריה איז דער קדושת לוי ווידער געקומען אין שוהל אריין און האט געזאגט יגדל מיט זעהר א פייערדיג קול און א מורא'דיג התלהבות, אזוי ווי זיין שטיינער איז געווען צו שפרינגען אויף די בענק און שטענדערס פון שוהל און אזוי אנצוגעבען אז די אלע וואס זענען דארט געווען האבען געציטערט אימת המות. אין דעם איז אריינגעקומען דער זעלבער מענטש וואס האט דעם רב אזוי גערודפ'ט, און ער איז אויך דערשראקען געווארען הערענדיג דעם הייליגען בערדיטשעווער רב'ס דאווענען. און ווי ער איז געקומען צו די ווערטער נותן לרשע רע כרשעתו. האט ער מיט'ן פינגער אנגעוויזען אויף דעם מסור. ס'האט נישט לאנג געדויערט איז דער מסור טאקי געשטארבען און האט פאר'ן טויט געשריגען און תרטה געהאט וואס ער האט דעם רב אזוי גערודפ'ט.

ווען דער ראדזימינער רבי ר' יעקב זכותו יגן עלינו איז געווען רב אין די שטאדט ריטשאוועל איידער ער איז געווארען רב אין ראדזימין, איז ער געווען זעהר אגרויסער ארעמאן, און זיין גאנצע פרנסה איז געווען וואס זיין ווייב די רביצין איז ארומגעגאנגען אונטער די שטאדט מקבין זיין א ביסעל קארטאפלעס און גרינוואַרג. אויך די פרשיסחער חסידים וואס זענען דורכגעפאהרען ריטשאוועל האבען איהם עפעס איבערגעלאזט ווייסענדיג אז ער איז אין פרשיסחא אגרויסער חשוב. די רביצין האט פאר איהם שטענדיג געביטערט ווי לאנג זי וועט נאך וויסען פון אזוי א דחקות, און ער האט זי שטענדיג בערוהיגט מיט טרייסטליכע ווערטער, און איהר ערצעהלט פון גרויסע הייליגע תנאים, וואס זענען געווען נאך ארעמער פאר איהם

איינמאל אהיימקומענדיג ראש השנה ביי נאכט פון שוהל, האט ער צו איהר געזאגט מיט שמחה: „די זאלסט מיין ווייב וויסען אז אין דעם יאהר וועלען מיר שוין אמת געהאלפען ווערען, און מיר וועלען שוין האבען פרנסה בריות ווען איך בין געשטאנען ביי שמונה עשרה פון מנחה, איז צו מיר געקומען דער הייליגער קאזניצער מגיד מיט'ן רבין פון לובלין זכותם יגן עלינו, און האבען מיר געברענגט א בשורה אז איך בין שוין א געהאלפענער". און אין דעם יאהר איז ער געווארען ראדזימינער רב, און די גאנצע וועלט האבען איהם בעווארפען מיט געלד,

דער הייליגער רבי פון גזוחרוי זכותו יגן עלינו האט ערצעהלט

אז ווען דער קאזניצער מגיד איז געווען אויף דער עלטער האט ער לא עלינו גארנישט געקאנט עסען, און איז דורך דעם זעהר שוואך געווארען, אזוי ווייט אז ער האט דאס געהייסען ערצעהלען דעם היילינגען רבין פון לובלין אז ער זאל פאר איהם מתפלל זיין. האט איהם דער לובלינער רבי געהייסען עסען ברויט מיט ווין, ברויט ווייפיעל דריי מאהל דער שם הוי"ה ב"ה בעטרעפט, און דער פסוק זאגט לחם לבב אנוש יסעד. און ווין וויפיעל סו"ד בעטרעפט, ווי די היילינגע גמרא זאגט משנכנס יין יצא סוד, אויך זאגט דער פסוק ויין ישמח לבב אנוש. און דער היילינגער רבי פון לובלין האט מסיים געווען, אז דאס איז א סגולה פאר יערען חלוש וואס האט פערלוירען דעם אפעטיט פון עסען.

דער היילינגער צדיק רבי פנחס זכרונו לברכה פון גניווישאוו האט געהאט א גרויסען חשק צו קויפען דעם תנא דבי אליהו מיט'ן פירוש זקוקין דנורא, נאר ער איז לא עלינו געווען דער גרויסער ארעמאן און האט נישט געקאנט פאר איהם בעצאהלען. איינמאל איז צו איהם געקומען ערב שבת נאך האלבען טאג א אלטער מאן מיט א זאק ספרים אויף די פלייצעס, און צווישען זיי איז אויך געווען דער תנא דבי אליהו מיט'ן פי' זקוקין דנורא, און האט געזאגט צו איהם, אז אזוי ווי ער האט געהערט אז ער וויל קויפען דעם תנא דבי אליהו מיט'ן פירוש זקוקין דנורא, האט ער איהם געברענגט צו פערקויפען. רבי פנחס האט איהם געזאגט דעם אמת אז ער האט קיין געלד נישט, האט ער איהם געענטפערט אז ער קאן איהם איבער לאזען ביז זונטאג, און קאן אין איהם דעם גאנצען שבת דורכלערנען. רבי פנחס האט איהם נישט געוואלט נעמען נאר ער האט איהם זעהר שטארק אנגע- האלטען ביז ער האט איהם דאס צוליעב געטהון. נאך שבת האט רבי פנחס געהייסען אויפזוכען דעם מוכר ספרים און מ'האט איהם נישט געקאנט געפונען אין א צייט ארום האט ער דאס ערצעהלט דעם קאזניצער מגיד, האט ער איהם געענטפערט אז ער ווייסט פון דעם, און דער מוכר ספרים איז געווען אליהו הנביא. ווי ער האט דאס געהערט פון זיין היילינג מויל האט ער איהם דעם תנא דבי אליהו אוועקגעשענקט פאר א מתנה, ווייל ער האט נישט געוואלט א הנאה האבען פון א נס, אזוי ווי מען געפונט פון פיעל היילינגע תנאים וואס האבען נישט געוואלט א הנאה האבען פון מעשי נסים, ווייל די גמרא זאגט אז דעם וואס מען טהוט א נס רעכענט מען אב פון זיינע זכיות

ווען דער היילינגער קאזניצער מגיד איז געווען אין די שטאדט בראד, האט ער זיך אבגעשטעלט ביי איין הויז, און האט עס זעהר וואונדערליך בעטראכט. דער עולם האט איהם געפרעגט וועלכע זאך פון דעם אלטען צובראכענעם הויז בעוואונדערט איהם אזוי שטארק. האט

האט ער זיי מיט א שווערען זיפץ געענטפערט אז ער קאן נישט סובל זיין די טומאה וואס שטעקט אין דעם הויז, און דער רויך פון דעם יצר-הרע'ס פייער פון דארט שטיקט אין האלז. זיי האבען אנגעהויבען חוקר ודורש צו זיין, און זענען דערגאנגען אז די מתנגדים וואס וואוינען אין דעם הויז האבען פערברענט דעם היילינגען ספר תולדות יעקב יוסף.

ווען ס'איז ווער געקומען צום היילינגען קאזניצער מגיד זכותו יגן עלינו עפעס בעטען, צו פרנסה, צו קינדער, צו א רפואה פאר א חולת רחמנא ליצלן. האט ער איהם נישט פריהער געענטפערט ביז ס'האט איהם אנגעוויזען פון הימעל א פסוק אין די היילינגע תורה וואס אין איהם איז מרומז דער וואס בעט און זיין ענטפער אויף זיין בקשה.

ס'איז אמאל געקומען נאך קאזניץ א פערביטערטער איד און האט פאר איהם געוויינט אז דער רזאנדצע פון דארף פייניגט איהם אהן א שעור און לאזט איהם בעגוי נישט לעבען. דער מגיד האט איהם געפרעגט זיין נאהמען, האט ער איהם געזאגט שמואל. האט דער מגיד געהאלטען א ווייל פערמאכט די אויגען. נאכדעם האט ער איהם געהייסען געבען דעם רזאנדצע א מתנה, און האט איהם מבטיח געווען אז ער וועט איהם שוין אויפהערען צו פייניגען. ער האט דאס געפונען אין תהלים שאו מנחה ובאו לפניו, איז די ראשי תיבות שמואל, און דער טייטש פון פסוק איז מ'זאל איהם ברענגען א מתנה און אזוי איז געווען אז דער רזאנדצע האט מיט איהם אנגעהויבען גוט צו לעבען

איינמאל איז געקומען א פרוי און אבגעגעבען א קוויטעל אז איהר מאן איז געווארען שטארק אויפגערעגט פון ארבייטען ביי טאג און ביי נאכט. דער היילינגער מגיד האט געקוקט אין קוויטעל און געזאגט משה הייסט דיין מאן. עס שאדט נישט זאל מען איהם געבען צום שלאפען וועט ער געזונד ווערען. מתוקה שנת העובד איז די ראשי תיבות משה, און דאס הייסט זיס איז דער שלאף פון ארבייטער דאמאלס איז די ראשי תיבות משה ממכון שבתו השגיח דאס הייסט דער אייבערשטער קוקט א־אב פון זיין היילינג וואוינונג, און דעם אייבערשטענס קוקען איז שטענדיג רחמים. און דער שלאף איז טאקי געווען די אמת'ע רפואה פאר דעם חולה.

ס'איז אמאל געקומען נאך קאזניץ א פרוי, און געוויינט אז איהר בן יחיד איז שוין א חודש קראנק און אלע דאקטוירים קאנען נישט דערגעהן זיין קראנקהייט. דער מגיד הקדוש האט א קלעהר געטהון און געזאגט צו די מוטער: „בעריל הייסט דיין זוהן. די מוטער האט געענטפערט יא. ס'איז איהם גארנישט, ענטפערט איהר דער מגיד, נעה...עב איהם וואסקרויט וועט ער געזונד ווערען. בעריל איז די

ראשי

ראשי תיבות פון פסוק לבש בשרו רמה ינוש עפר, דאס הייסט אז זיין קערפער בעזיצט ווערם. און ווי פארשעהמט זענען די גרויסע דאקטוירים געווארען הערענדיג אז זייערע רויבלדיגע מעדיצינען האבען איהם ניטש געהאלפען, און פאר דריי גראשען ווארמקרויט איז ער פעליג געזונד געווארען.

איינמאל איז אריינגעקומען א פרוי און אבגעגעבען א קוויטעל אז איהר זייגעדיג קינד יואל איז ווי צומישט מיט די געדאנקען און די מיטלען וואס דער גרויסער פראפעסאר גיעט איהם העלפען איהם נאר נישט. דער מגיד האט אויף געמישט דאס תהלים'ל וואס איז געלעגען אויפ'ן מישעל. און נעקוקט אויף די ראשי תיבות יואל צוויי מאל פון פסוק אזנים להם ולא ישמעו, זיי האבען אויערען און הערען נישט. אף להם ולא יריחון, זיי האבען א נאז און שמעקען נישט. און האט די פרוי געהייסען געהן צו א דאקטאר פון אויערען און נעז און דאס קינד איז געזונד געווארען. נאכדעם איז דער פאטער פון קינד געקומען זאגען דעם מגיד אז דאס איז טאקי געווען דעם קינד'ס קרענק און ס'איז ברוך השם געזונד געווארען, האט איהם דער מגיד געענטפערט: „איך ווייס אז דיין קינד איז געזונד געווארען. מ'האט מיר אויף דעם געוויזען א פסוק אל יי ויאר לנו איז די ראשי תיבות יואל".

א איד האט דעם מגיד אבגעגעבען א קוויטעל אז די ערלים האבען אויף איהם אויסגעטראכט א בלבול און האבען איהם געמסר'ט צו די ממשלה. דער מגיד האט אריינגעקוקט אין קוויטעל און פויקענדיג מיט'ן פינגער אויפ'ן טיש האט ער איינינע מאל איבערגעחזר'ט דעם נאהמען הירש בער. און געזאגט: „ס'איז נישט גוט, ווי א הירש זאלסט די שנעל ענטלויפען, די ראשי תיבות פון פסוק ברח דודי ודמה לך לצבי איז דוב צבי, און דער טייטש איז צו ענטלויפען ווי א הירש. דער איד האט דעם מגיד נישט געהארכט ווייל א גרויסער אדוואקאט האט איהם מבטיח געווען צו געווינען דעם פראצעס און איז אריינגעפאלען אין תפיסה אויף צוויי יאהר.

ס'איז צום מגיד הקדוש געקומען א איד מיכאל און האט געוויינט אז ער האט קיין הצלחה נישט מיט'ן געלד וואס ער האט גענומען ירושה פון זיין פאטער און וואס פאר א געשעפט ער מאכט ווערט ער בדלות. נאכדעם ווי דער הייליגער מגיד איז געזיצען פערקלעהרט האט ער איהם געפרעגט אויב ס'איז געבליבען עפעס נאך א יורש. ער האט געענטפערט אז ס'איז געבליבען דעם פאטערס א זייגעדיג קינד פון זיינע צווייטע פרוי. איצט זאגט דער מגיד איז ריכטיג, ווען די וועסט דעם קינד אבגעבען זיין טייל ירושה וועסט די אין דיין חלק ירושה האבען הצלחה. ער האט איהם געוויזען דעם פסוק אין שיר

השירים כ׳ יתנך כאת לי, ווער וועט דיך געבען צו מיר ווי אַ ברודער, די ראשי תיבות זענען מיכאל, ווער זאָגט דאָס יונק שדי אמי, אַ קינד וואָס זייגט נאָך פון די מוטערס ברוסט.

ס׳האָט זיך איינער מזכיר געווען פאַר׳ן מגיד הקדוש אַז זיין ווייב בעהאַנדעלט איהם זעהר שלעכט. דער מגיד האָט איהם געזאָגט „פישל הייסט די, פיהר דיך ווי פישל מאַכט די ראשי תיבות פון פסוק לב שמח ייטיב פנים, ווייז איהר אַ פריילין הערץ און אַ גוט פנים וועט זי צו דיר אויך גוט זיין״.

אין קאָזניץ איז געווען אַ געשמד׳טע וואָס האָט זיך אָבגעשמועסט מיט איהר מאַן דעם גוי, אַז זי זאָל אַריינגעהן צום מגיד און איהם אָבנאַרען אַז זי ליידט אויפ׳ן הערץ און ער זאָל איהר געבען אַ רפואה. זי האָט זיך אָנגעטהון ווי אַ אידישע פרומע פרוי און אַריינגעקומען צום מגיד מיט אַ קוויטעל אַז זי הייסט ליבא און זי ליידט אויפ׳ן הערץ״.

דער מגיד האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען צום הימעל און געזאָגט „דער הייליגער דוד המלך זאָגט לא יהיה בך אל זר. ס׳זאָל אין דיר נישט זיין קיין פרעמדער גאָט. און די ראשי תיבות פון דעם פסוק איז טאַקי דיין געוועזענער נאָהמען ליבא. די הייליגע ווערטער האָבען אויף איהר זעהר געווירקט און איז געפאַלי[illegible] די ערד מיט אַ יאָמערליך געוויין אַז דער מגיד זאָל איהר גי[illegible] אַ תשובה, און ווי איהר מאַן דער גוי איז פון דעם געוואָהר גע[illegible]ען האָט ער איהר אונטערגעהאַקט דאָס הערץ און זי איז פון דעם געשטאָרבען.